STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04493

EKONOMISHE KRIZISN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַרקסיסטישע שטודיר קורסן

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

עקאָנאָמישע קריזיסן

(ערשטער טייל)

אַכטע לעקציע

פ א ר ל א ג
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן
80 פינפטע עוועניו
ניו יאָרק

Copyright 1934 by the

INTERNATIONAL WORKERS ORDER

80 Fifth Avenue

New York

אינהאַלט

פון אַכטער לעקציע

I וואָס איז אַזוינס דער קאַפּיטאַליסטישער קריזיס.

א. אַלגעמיין בילד פון קריזיס.

ב. קאַפּיטאַליסטישע קריזיסן — קריזיסן פון איבערפּראָדוקציע.

II בורזשואַזע טעאָריעס וועגן קריזיסן.

א. אַלגעמיינע מעגלעכקייט פון קריזיסן און א קריזיסלאָזער קאַפּיטאַ־ליזם.

ב. דער באַנקראָט פון די בורזשואַזע טעאָריעס.

III דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַגריף וועגן קריזיסן.

א. דער צוזאַמענבראָך פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע לערעס וועגן קריזיסן.

ב. די „דיספּראָפּאָרציע" טעאָריע.

ג. די טעאָריע פון אונטער־פאַרברויך.

IV די מאַרקסיסטישע טעאָריע וועגן קריזיסן.

1. די מעגלעכקייט פון קריזיסן.

א. די מעגלעכקייט פון קריזיסן, ווי אַן אויסדרוק פון דעם ווידער־שפּרוך אין סחורות.

ב. געלט אַלס א מיטל פון צאָלן און די מעגלעכקייט פון קריזיסן.

ג. די אַנטוויקלונג פון מעגלעכקייטן פון א קריזיס אין דער באַ־וועגונג פון קאַפּיטאַל.

2. די אומפאַרמיידלעכקייט פון קאַפּיטאַליסטישע קריזיסן.

א. דער ווידערשפּרוך צווישן דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער פּראָדוקציע און די קאַפּיטאַליסטישע פאָרמע פון אַפּראָפּריאַציע (נעמען פאַר זיך) אַלס די הויפּט־אורזאַך פון קריזיסן.

ב. דער קאָנפליקט און אומגלייכקייט צווישן דער פּראָדוקציע און דעם פאַרברויך, אַלס דער אויסדרוק פון דעם הויפּט־ווידערשפּרוך אין קאַ־פּיטאַליזם.

1. וואָס איז אזוינס דער קאַפּיטאַליסטישער קריזיס?

די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט מאַכט דורך פֿאַר די לעצטע פֿיר יאָר איינעם פֿון די שווערסטע עקאָנאָמישע קריזיסן.

דורך דער גאַנצער צייט פֿון לעצטן יאָרהונדערט איז די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם געווען אין די אַגאָניעס פֿון אַ קריזיס, וואָס פֿלעגט זיך איבערחזרן אין באַשטימטע פּעריאָדן פֿון צייט.

די געשיכטע פֿון קאַפּיטאַליזם, קען ניט אָנצייגן אַף קיין שום פּעריאָד פֿון אַ צענדליק יאָר, אין משך פֿון וועלכן ס'זאָל אינגאַנצן ניט געווען זיין קיין קריזיס. נאָך אין 1877 האָט ענגעלס געשריבן:

„מיר האָבן איצט, זינט 1825, דאָס (דעם קריזיס) דורגעמאַכט פֿינף מאָל, און אין איצטיקן מאָמענט (1877) מאַכן מיר דאָס דורך שוין צום זעקסטן מאָל." (קריזיסן זיינען געשען אין 1825, 1836, 1847, 1857 און 1866 — רעדאַקטאָר) (ענגעלס, „סאָציאַליזם, דער אוטאָפּישער און וויסנשאַפֿטלעכער", זייט 65.)

אָבער אויך נאָך 1877 האָבן זיך די קריזיסן איבערגעחזרט אומ־אויפֿהערלעך. אין משך פֿון 20סטן יאָרהונדערט, האָט דער קאַפּיטאַליזם דורכגעמאַכט פֿינף קריזיסן. ס'זיינען געווען קריזיסן אין 1900 און אין 1907; אַ קריזיס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען צו אַנטוויקלען אין 1914, אָבער זיין אַנטוויקלונג איז אָפּגעשטעלט געוואָרן פֿון דער וועלט־מלחמה; דער־נאָכדעם איז אָנגעקומען אַ קריזיס אין 1921. און צום סוף דער איצטיקער קריזיס, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין 1929.

„דער פֿאַקט איז, זינט 1825, ווען דער ערשטער אַלגעמיינער קריזיס האָט אויסגעבראָכן, ווערט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון גלייכגעוויכט, כמעט אַלע 10 יאָר, די גאַנצע אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע וועלט, פּראָדוקציע און אויסטויש, צווישן אַלע ציוויליזירטע פֿעלקער מיט זייערע מער אָדער ווייניקער באַרבאַרישע פֿאַרבינדעטע. דער קאָמערץ איז אין אַ שטילשטאַנד, די מאַרקן זיינען איבערגעלאָדן, די פּראָדוקטן זאַמלען זיך אָן אין זייער גרויסע צאָלן, ווייל זיי זיינען ניט פֿאַרקויפֿבאַר, מזומן געלט פֿאַרשווינדט, קרעדיט ווערט אָפּגעשאַפֿט, די פֿאַבריקן זיינען פֿאַרמאַכט, די מאַסן אַרבעטער נויטיקן זיך אין מיטלען פֿון דערנערונג, דערפֿאַר ווייל זיי האָבן פּראָדוצירט צופֿיל פֿון די דאָזיקע מיטלען פֿון דערנערונג. עס געשעט איין באַנקראָט נאָכן צווייטן און איין הינריכטונג נאָך דער אַנדערער. דער שטילשטאַנד געדויערט יאָרן און יאָרן. פּראָדוציר כוחות און פּראָדוקטן גייען אין ניוועץ און ווערן צעשטערט מאַסנווייז ביז די מאַסן סחורות ווערן מער אָדער ווייניקער פֿאַרמינערט אין ווערט, ביז די פּראָדוקציע און דער אויסטויש הייבט אָן גראַדנווייז זיך נאָך אַמאָל צו רירן. ביסלעך, צוביסלעך פֿאַרשנעלערט זיך דער שריט. פֿון שריט ווערט אַ גרויסער טראָט. דער אינדוסטריעלער טראָט ברעכט אויס אין אַ געלויף, דער געלויף פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ

פולן גאלאָפּ פון אַ קאַפּ־שווינדלערישער הויך, פון דער אינדוסטריע, פון דעם קאָמערציעלן קרעדיט און פון דער ספּעקולאַציע, וועלכע צום סוף, נאָך האַלז־ברעכנדיקע שפּרונגען, ענדיקן זיך דאָרטן וואו זיי האָבן זיך אָנגעפאַנגען — אין גרוב פון קריזיס. און אַזוי נאָך אַמאָל און איבעראַניים. (אין זעלבן, זייט 65.)

מאַרקס האָט באַשריבן דעם כאַראַקטעריסטישן לעבנס־קורס פון דעם קאַפּיטאַליזם ווי פאָלגט:

„דאָס לעבן פון דער מאָדערנער אינדוסטריע איז אַ סעריע פון פּעריאָדן פון מעסיקער אַקטיוויטעט, פּראָספּעריטי, איבערפּראָדוקציע, קריזיס און שטילשטאַנד.“ (מאַרקס, קאַפּיטאַל, באַנד 1, זייט 495.)

א. אַלגעמיין בילד פון קריזיס

געוויינלעך רירט אָן אַ קריזיס אַלע ספערן פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע: אינדוסטריע און קאָמערץ, באַנקן און סטאַק־עקסטשיינדזש (בירזשע פון ווערט־פּאַפּירן), קרעדיט און דאָס צירקולירן פון געלט; מיט איין וואָרט, אַלע טיילן פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע זיינען רעדוצירט צו אַ מדרגה פון קאָנוואולסיע דורך דער צייט פון אַ קריזיס.

געוויינלעך איז דער פאָרגייענגער פון אַ קריזיס אַ פּעריאָד פון אַ „בום“, אין וועלכן ס'קומט פאָר אַ הויכע שטייגונג אין דער פּראָדוקציע. אַלע פּראָדוצירטע סחורות ווערן פאַרקויפט אָן שוועריקייטן און פאַר אַזוינע פּרייזן, וועלכע לאָזן איבער אַ גרויסן פּראָפיט צו די קאַפּיטאַליסטן. די פּרייזן פון אַקציעס הויבן זיך העכער און העכער. עס ווייזט זיך כלומרשט אויס, אין אַזאַ צייט פון פיבערישן בום, אַז אַלצדינג איז צום גונסטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. פּלוצלונג קומט אָן דער ערשטער שטילשטאַנד אין אָפּזעצן די סחורות, וועלכער ווערט נאָכגעפאָלגט פון אַ קאַטאַסטראָפישן פאַלן אין פאַרקויפן די סחורות. ס'לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז מערער ניטאָ קיין פאָדערונג פאַר די סחורות וואָס זיינען פּראָדוצירט געוואָרן, און זיי ליגן אין די וואַרע־הייזער ווי טויטער סטאַק. ווי־באַלד די סחורות קענען ניט פאַרווירקלעכט ווערן אין געלט, הויבן די קאַפּיטאַליסטן אָן צו פילן דעם קלעם פון אַ געלט־הונגער. עס הויבט זיך אָן אַן אַלגעמיין יאָגן זיך נאָך געלט.

„דער בורזשוי, ערב אַ קריזיס, דערקלערט מיט זעלבסט־זיכערקייט, וואָס וואַקסט אַרויס פון אַ פאַרשכורטער פּראָספּעריטי, אַז געלט איז בלויז אַ פּוסטע איינבילדונג. סחורות אַליין זיינען געלט. אָבער איצטער הערט זיך דער געשריי אומעטום: געלט אַליין איז אַ סחורה! ווי אַ הירש דורשט נאָך וואַסער, אַזוי דורשט זיין נשמה נאָך געלט, די איינציקע רייכקייט.“ (מאַרקס, „קאַפּיטאַל“, באַנד 1, זייט 155.)

אַ געלט קריזיס ברעכט אויס. די קאַפּיטאַליסטן קענען ניט נאָכקומען זייערע פינאַנציעלע פאַרפליכטונגען, ווייל זייערע סחורות געפינען ניט קיין שום אָפּזאַץ. דאָס הייסט, זיי קענען ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין געלט. אפילו ווען זיי געלינגט אָפּזעצן די סחורות, מוזן זיי דאָס פאַרקויפן אַף

אַזוינע רעדוצירטע פּרייזן, אַז זיי קענען נאָך אַלץ ניט נאָכקומען פולשטענדיק זייערע פינאַנציעלע פאַרפליכטונגען. דאָס פאַראורזאַכט אַ צעטרייסלונג אין קרעדיט, וועלכע ברייננגט מיט זיך אַ פינאַנציעלן קריזיס. די בירזשע הויבט אָן זיך דערפילן אומרואיק ביי דער ערשטער צעטרייסלונג. דאָס אָנקומען פון אַן אומגליק לאָזט זיך פילן און יעדער איינער שטרעבט פּטור צו ווערן פון זיינע סטאַקס און אַקציעס און פאַרוואַנדלען זיי אין געלט. די פּרייזן פון אַקציעס הייבן אָן פאַלן. ס׳ווערט אַ פּאַניק אויף דער בירזשע, וועלכע אַנטוויקלט זיך אין אַ קראַך. עס ברעכן אויס מאַסן־באַנקראָטן. די פאַבריקן און די שעפער פון די באַנקראָטירטע פירמעס שטעלן זיך אָפּ און די אַרבעטער ווערן אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס. און אפילו די פירמעס, וועלכע ס׳געלינגט אָנצוגיין מיט דער אַרבעט, רעדוצירן זייער פּראָדוקציע און הייבן אָן אָפּזאָגן אַרבעטער ווייל די סחורות, וועלכע מען קען נאָך אָפּזעצן, מוזן פאַרקויפט ווערן פאַר רעדוצירטע פּרייזן. אומגעהויער גרויסע מאַסן אַרבעטער זיינען פאַרמשפּט צו אַרבעטלאָזיקייט, אָרעמקייט און הונגער.

אַזוי ווי קריזיסן ווייזן זיך צום אַלעם ערשטן אַרויס אין געלט־מאַרקן און קרעדיט־הייזער, און ערשט נאָכדעם אין דעם קאָמערץ, באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז קריזיסן ווערן געבראַכט נאָר דורך די שטערונגען אין דער ספערע פון צירקולאַציע און ניט דורך די באַדינגונגען פון דעם פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע זעלבסט. אָט פאַרוואָס די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן, געוויינלעך, זוכן די אורזאַכן פונם קריזיס ניט אין די באַדינגונגען פון דער פּראָדוקציע, נאָר אין דער דערשיינונג פון דעם געלט און קרעדיט־מאַרק.

„די אויבערפלעכלעכקייט פון דער (בורזשואַזער — רעד.) פּאָליטישער עקאָנאָמיע, ווייזט זיך אַרויס אין דעם פאַקט, וואָס זי קוקט אויף דער אויס־שפּריטונג און איינשרומפּונג פון קרעדיט, וועלכע זיינען בלויז אַ סימפּטאָם פון די פּעריאָדישע ענדערונגען אין דעם אינדוסטריעלן ציקל, ווי אויף אַ סיבה.“ (מאַרקס, „קאַפּיטאַל“, באַנד 1, זייט 695.)

קאַפּיטאַליסטישע צירקולאַציע איז, אין אמתן, ניט אומאָפּהענגיק פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע; פאַרקערט, ס׳איז דער אופן פון פּראָדוקציע וועלכער באַשטימט דעם אופן פון צירקולאַציע. צירקולאַציע, אויסטויש, פאַרטיילונג און קרעדיט, זיינען בלויז מאָמענטן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע־פּראָצעס זעלבסט; זיי שפּיגלען בלויז אָפּ די באַוועגונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע.

„מיט דער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און מיט אַנדערע אָפּשפּיגלונגען איז פּונקט ווי מיטן מענטשלעכן אויג; זיי גייען דורך אַ קאָנדענסירטן קריסטאַל־לינז און שטעלן זיך דעריבער אין אַן איבערגעקערטער פאָרעם מיטן קאָפּ אַראָפּ. דער מענטש אויף דעם געלט־מאַרק, זעט די באַוועגונג פון דער אינדוסטריע פון דעם וועלט מאַרק אין אַן איבערגעקערטער אָפּשפּיגלונג פון דעם געלט און סטאַק מאַרק, און די סיבה ווערט פאַר אים דער רעזולטאַט.“ (ענגעלס, „בריוו צו קאָנראַד שמיט“, פון אָקטאָבער 27, 1890.)

עס ווייזט זיך כלומרשט אויס, אַז די אורזאַך פון די קריזיסן ליגט

אין די דורכרייסן פונם געלט און דעם קרעדיט־מעכאַניזם. אין אמתן אָבער, איז דער דורכפאַל אין געלט, קרעדיט און אין סטאָק־עקסטשיינדזש, בלויז אַן אויסדרוק פון דעם אָנגעקומענעם קריזיס אין דער פּראָדוקציע, נאָר ער שפּיגלט זיך פריער אָפּ אין דער ספערע פון געלט אָדער סחורה צירקולאַציע. דער קאַפּיטאַליסטישער אַרבעטס־געבער דערוויסט זיך נאָר לויט דער באַוועגונג פון די פּרייזן, אַז ער האָט פּראָדוצירט אַן איבערפלוס פון סחורות אין פאַרגלייך מיט דער נאָכפראַגע פון די וואָס זיינען אומשטאַנד צו קויפן. די בירזשע און די באַנקן זיינען זייער אַ סענסיטיווער אַפּאַראַט פון דעם קאַפּיטאַליזם, אַן אַפּאַראַט, וואָס כאַפּט תיכף אויף אַלע וואַקלענישן און ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר אין דער אינדוסטריעלער אַקטיוויטעט. דער אופן, ווי דער קריזיס דריקט זיך אויס אויסערלעך, איז פולשטענדיק קאָפּויער צו דעם ריכטיקן פּראָצעס פון זיין אַנטוויקלונג. דער געלט קריזיס און דער קאָמערציעלער קריזיס איז אין דער ווירקלעכקייט בלויז דער נאָכפּאָלג פון דעם אינדוסטריעלן קריזיס. אויב אָבער דער ערשטער שטיל־שטאַנד טרעפט אין געלט און אין דעם סעקיוריטיס גאַראַנטי סטאָק מאַרק, ווי אויך אין די קאָמערציעלע סחורה־מאַרקן, איז אָבער דער שטילשטאַנד בלויז דער רעזולטאַט פון דעם פאַקט, אַז די פּראָדוקציע זעלבסט האָט איבערגעטראָטן די גרעניצן פונם קאַפּיטאַליסטישן מאַרק.

די אויבן באַשריבענע קריזיסן זיינען אַלגעמיינע*) קאַפּיטאַליסטישע קריזיסן, די אורזאַכן פון וועלכע ליגן אין דעם קאַפּיטאַליסטישן אַרט פון פּראָדוקציע, בשעת די קאָמערציעלע קריזיסן, געלט און קרעדיט קריזיסן, זיינען בלויז פאַזן און מאָמענטן פון דעם אַלגעמיינעם אינדוסטריעלן קריזיס.

אָבער זייט ביי זייט מיט די געלט און קרעדיט קריזיסן, וועלכע זיינען בלויז מאָמענטן אָדער פאַזן פונם אַלגעמיינעם אינדוסטריעלן קריזיס, געשעען אויך אונטערן קאַפּיטאַליזם קריזיסן פון אַ ספּעציעלן מין, אַ ספּעציעלער סאָרט פון געלט אָדער קרעדיט קריזיס.

„דער געלט קריזיס, זייענדיק אַ פאַזע פון יעדן קריזיס, מוז קלאָר אונטערגעשיידט ווערן פון דער באַזונדערער פאָרמע פון קריזיס, וועלכער ווערט אויך אָנגערופן אַ געלט קריזיס, אָבער וואָס ווערט פּראָדוצירט פון זיך אליין, אלס אַ זעלבסטשטענדיקער פענאָמען (דערשיינונג) אין אַזאַ אופן, אַז ער באַווירקט בלויז אומדירעקט די אינדוסטריע און דעם קאָמערץ. די אַקס פון די קריזיסן קען מען געפינען אין געלט — קאַפּיטאַל און זייער ספערע פון דירעקטער אַקציע איז אַזוי אַרום די ספערע פון דעם קאַפּיטאַל, ווי באַנקען, די בירזשע, און פינאַנץ.“ (מארקס, „קאַפּיטאַל“, באַנד 1, באַ־מערקונג אונטן אויף זייט 155.)

טיילווייזע קריזיסן דערשיינען אויך אונטערן קאַפּיטאַליזם אַ חוץ די

---

*) דאָס וואָס ווערט דאָ אָנגערופן אַלגעמיינער אינדוסטריעלער קריזיס, כדי אונטערצושיידן פון דעם „באַזונדערן“, אָדער טיילווייזן קריזיס, ווי קאָמער־ציעלע קריזיסן, געלט אָדער קרעדיט־קריזיסן א. ד. ג., מוז ניט פאַרביטן ווערן מיט דעם אַלגעמיינעם קריזיס פונם קאַפּיטאַליזם (וועגן וועלכן ס'וועט זיך האַנדלען שפּעטער) אַלס אַ ספּעציעלע פאַזע פון אימפּעריאַליזם.

אַלגעמיינע; זיי זיינען קריזיסן פון לאָקאַלער וויכטיקייט, וועלכע באַרירן בלויז אַן אינדיווידועלן צווייג פון דער פּראָדוקציע און זיי שפּרייטן זיך ניט אויס אַלגעמיין.

דאָ ווילן מיר בלויז באַהאַנדלען די אַלגעמיינע קאַפּיטאַליסטישע קריזיסן.

ב. קאַפּיטאַליסטישע קריזיסן — קריזיסן פון איבערפּראָדוקציע

„די אַממערסטן אַלגעמיינע און באַשיינפּערלעכע דערשיינונג פון די קאָמערציעלע קריזיסן", זאָגט מאַרקס (וואָס באַשרייבט דאָ, ווי אויך אין אַנדערע פּלעצער, די אַלגעמיינע קריזיסן אַלס קאָמערציעלע קריזיסן, ניט פונם שטאַנדפּונקט פון זייערע וואָרצלען און אורזאַכן, נאָר אין באַצוג צו אַן אינדוסטריעלן קריזיס, וואָס מאַכט זיין ערשטן ארויסטריט אין דער ספעדע פון קאָמערץ), איז דער פּלוצלונגדיקער און אַלגעמיינער אַראָפּפאַל אין די פּרייזן פון סחורות." (מאַרקס, קריטיק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, זייט 195.)

פּרייזן פאַלן אין אַ קריזיס, דערפאַר ווייל אַן איבערפּליסיקע צאָל סחורות איז פּראָדוצירט געוואָרן. דער איבערפּלוס פון סחורות איז אָבער ניט אַבסאָלוט אין דעם זינען, אַז די פּראָדוקציע שטייגט אַריבער די אַבסאָלוטע פּאָדערונגען פון דער געזעלשאַפט, אַז די געזעלשאַפט איז הייסט עס, איבערבאַפרידיקט. פאַרקערט, אין צייטן פון קריזיסן הערשט די גרעסטע נויט פאַר פּראָדוקטן בּאַ די הונגעריקע מאַסן. וואָס מיר האָבן דאָ, איז בלויז אַ רעלאַטיוון איבערפּלוס פון פּראָדוצירטע סחורות (אַן איבערפּלוס פונם שטאַנדפּונקט פון דער עקזיסטירנדיקער פּרייזן-ניוואָ), רעלאַטיוו צו דער קויף-קראַפט פון דער באַפעלקערונג, ווייל אונטערן קאַפּיטאַליזם ווערט דער סאָציאַלער פאַרברויך באַשטימט ניט פון

> „דער אַבסאָלוטער פּראָדוציר-קראַפט פון דער געזעלשאַפט און ניט פון דער אַבסאָלוטער פאַרברויך-קראַפט פון דער געזעלשאַפט, נאָר פון דער פאַרברויך-קראַפט באַזירט אויף דער אַנטאַגאָניסטישער באַדינגונג פון פאַרמיט-לונג, וועלכע רעדוצירט דעם פאַרברויך פון די גרויסע מאַסן פון דער באַ-פעלקערונג צו אַ פאַרענדערלעכן מיניזמום אין מער-ווייניקער באַשריינקטע גרעניצן". (מאַרקס, „קאַפּיטאַל", באַנד 3, זייט 286.)

די פאַרקלענערונגען אין די פּרייזן פון סחורות ווערן פאַראורזאַכט, אַזוי אַרום, פון רעלאַטיווער איבער-פּראָדוקציע. די קאַפּיטאַליסטישע קריזיסן זיינען קריזיסן פון רעלאַטיווער איבער-פּראָדוקציע.

קריזיסן פון איבערפּראָדוקציע זיינען געווען אוממעגלעך אין אַלע סאָציאַלע פּעריאָדן פאַר דעם קאַפּיטאַליזם. פאַרקערט, אַ דעפיציט אין דער פּראָדוקציע איז יאָ געווען מעגלעך. שטאַרקע שטערונגען אין פּראָצעס פון פּראָדוקציע, שטאַמענדיק פון שלעכטע גערעטענישן, פאַרפּלייצונגען זיינען יאָ געווען מעגלעך. די פאַר-קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטן האָבן אָבער ניט געוואוסט פון איבערפּראָדוקציע, ווייל די פּראָדוקציע איז געווען געבויט פאַר דער דירעקטער באַפרידיקונג פון די נויטן. כאָטש דער ציל פון דער פּראָדוקציע אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געווען באַזירט אַף

שקלאַפן־אַרבעט, איז ניט געווען צו באַפרידיקן די באַדערפעניש פון די מאַסן זעלבסט, איז איר ציל אָבער געווען צו באַפרידיקן די נויטן פון די שקלאַפן־אייגנטימער.

אונטער קאַפּיטאַליזם, אָבער, ווערט די פּראָדוקציע ניט אָנגעפירט פאַר דעם דירעקטן נוצן. אונטער קאַפּיטאַליזם ווערן „סחורות" פּראָדוצירט אַלס פּראָדוקטן פון קאַפּיטאַל, וועלכע מוזן ברייגנען דעם נאָרמאַלן פּראָפיט. דער ציל פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע איז צו קריגן פּראָפיטן. דערפאַר איז מעגלעך בלויז אונטערן קאַפּיטאַליזם אַזאַ לאַגע, אין וועלכער ס'זיינען דאָ צופיל סחורות, צוליב דעם, וואָס זיי קענען ניט פאַרקויפט ווערן אַף אַזוינע פּרייזן, וואָס זאָלן באַזאָרגן אַ נאָרמאַלן פּראָפיט.

עס פאָלגט אַרויס פון דער סאַמער נאַטור פון די קריזיסן, ווי די פון איבערפּראָדוקציע, אַז זיי ווערן פאַראורזאַכט דורך דער קאַפּיטאַליסטישער פאָרמע פון סאָציאַלער פּראָדוקציע, און אַז קריזיסן זיינען פעסט איינגע־וואָרצלט אין דער נאַטור פון קאַפּיטאַליזם זעלבסט.

די קריזיסן פון איבערפּראָדוקציע דעקן אויף די גאַנצע באַשריינקונג פון דער בורזשואַזער סאָציאַלער סיסטעם. זיי ווייזן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע באַציאונגען זיינען צו שמאָל פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע. אַז די דאָזיקע באַציאונגען זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קייטן, וועלכע פאַרהאַלטן די אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע.

„דורך דער צייט פון די קריזיסן ברעכט אויס אַ געזעלשאַפטלעכע עפּי־דעמיע, וואָס אין אַלע פריערדיקע עפּאָכעס וואָלט עס אויסגעזען ווי אַן אַבסורד — די עפּידעמיע פון איבערפּראָדוקציע. די געזעלשאַפט פאַלט פּלוצלונג ווידער אַריין אַף אַ געוויסער צייט אין אַ צושטאַנד פון באַרבאַריזם; גלייך ווי הונגער אָדער אַן אַלגעמיינע פאַרניכטנדיקע מלחמה וואָלט אָפּ־געשניטן דעם קוואַל פון אַלע לעבנס־מיטלען; די אינדוסטריע, דער האַנדל ווערן ווי פאַרניכטעט, — און פאַרוואָס? ווייל עס איז פאַראַן צופיל ציווי־ליזאַציע, צופיל לעבנס מיטלען, צופיל אינדוסטריע, צופיל האַנדל. די פּראָדוציר־כוחות, וואָס זיינען איר צו דינסט, דינען מער ניט אַף צו אַנט־וויקלען די בורזשואַזע פאַרהעלטעניש פון אייגנטום; פאַרקערט, זיי זיינען געוואָרן צו מעכטיק פאַר די דאָזיקע פאַרהעלטעניש, וואָס פּענטען זיי; און ווי נאָר זיי קומען ביי דידאָזיקע שטערונגען, אַזוי ברייגנען זיי די גאַנצע בורזשואַזע געזעלשאַפט אין אומאָרדנונג, שטעלן אין געפאַר די עקזיסטענץ פון בורזשואַזן אייגנטום. די בורזשואַזע פאַרהעלטעניש זיינען געוואָרן צו איינג אַף אַריינצונעמען דאָס עשירות וואָס זיי האָבן געשאַפן."
(„קאָמוניסטישער מאַניפעסט", זייט 36, אידישע סאָוועטישע אויסגאַבע.)

די קריזיסן פירן, אין אמתן, צו דער צעשטערונג פון אַ טייל פון די פּראָדוציר־כוחות, וואָס זיינען אַנטוויקלט געוואָרן פונם קאַפּיטאַליזם. די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם איז באַגלייט דורך רעגולאַרע, זיך איבער־חזרנדיקע קריזיסן, און דער קאַפּיטאַליזם, אַזוי אַרום, געפינט זיך שטענדיק **אין אַ פאַרכישופטן קרייז**, ווייל זיין ווייטערע אַנטוויקלונג קען נאָר מעגלעך זיין דורך דער צעשטערונג פון די פּראָדוציר־כוחות. דאָס באַווייזט, אַז די פּראָדוקציע באַציאונגען פון דעם קאַפּיטאַליזם פאַרהאַלטן די אַנטוויקלונג

פון די פּראָדוציר־כּוחות. די קריזיסן פון איבערפּראָדוקציע דעקן אויף דעם טיפן ווידערשפּרוך און דעם אַבסורד פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

„פון איין זייט אַן איבערפלוס פון אַלע באַדינגונגען פון רעפּראָדוקציע און פון אַלערליי סאָרטן אומפאַרקויפטע סחורות אויפן מאַרק. פון דער צווייטער זייט, באַנקראָטירטע קאַפּיטאַליסטן און הונגעריקע מאַסן אַרבעטער, וועלכע זיינען באַרויבט געוואָרן פון יעדער זאַך." (מאַרקס, „טעאָריעס פון מער־ווערט", באַנד 2, זייט 303, דייטשע אויסגאַבע.)

„דער גאַנצער מעכאַניזם פון דעם קאַפּיטאַליסטישן אופן פון פּראָדוקציע ברעכט צוזאַמען אונטער דעם דרוק פון די פּראָדוציר־כּוחות, וועלכע דער קאַפּיטאַליזם האָט אַליין אויסגעבראַכט. ער קען שוין מער ניט פאַרוואַנדלען די דאָזיקע גאַנצע מאַסע פון פּראָדוקציע אין קאַפּיטאַל. זיי ליגן אומבאַוועגלעך, און צוליב דער אורזאַך, מוז די אינדוסטריעלע רעזערוו־אַרמיי אויך ליגן אומבאַוועגלעך. מיטלען פון פּראָדוקציע, מיטלען פון דערנערונג, נוצבאַרע אַרבעטער — אַלע עלעמענטן פון פּראָדוקציע און אַלגעמיינע רייכטימער זיינען דאָ איבערגענוג. אָבער דער 'איבערגענוג ווערט דער קוואַל פון אומגליק און נויט' (פוריע) דערפאַר ווייל דאָס איז טאַקע די סיבה, וועלכע האַלט אָפּ די פאַרוואַנדלונג פון די מיטלען פון פּראָדוקציע און דערנערונג אין קאַפּיטאַל. ווייל אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט קענען די מיטלען פון דער פּראָדוקציע פונקציאָנירן בלויז, ווען זיי האָבן דורכגעמאַכט אַ פריערדיקע פאַרוואַנדלונג אין קאַפּיטאַל און אין די מיטלען פאַר עקספּלואַטירן די מענטשלעכע אַרבעטס־קראַפט. די נויטווענדיקייט פון דער דאָזיקער פאַרוואַנדלונג אין קאַפּיטאַל פון די מיטלען פון פּראָדוקציע און דערנערונג, שטייט ווי אַ געשפּענסט צווישן זיי און די אַרבעטער. דאָס אַליין פאַרהאַלט דאָס צוזאַמענקומען זיך פון די מאַטעריעלע און פּערזענלעכע הויבערס (לעוועראַס) פון דער פּראָדוקציע; דאָס אַליין פאַרבאָט די מיטלען פון פּראָדוקציע צו פונקציאָנירן, די אַרבעטער צו אַרבעטן און לעבן."
(ענגעלס, „סאָציאַליזם, אוטאָפּישער און וויסנשאַפטלעכער", זייט 67.)

אָבער אויב די קריזיסן פון איבערפּראָדוקציע זיינען פאַראורזאַכט פון דער נאַטור פון דעם קאַפּיטאַליזם זעלבסט, אויב זיי זיינען אַן אויסדרוק פון דעם פאַקט אַז די בורזשואַזע באַציאונגען פון פּראָדוקציע האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין צו באַשריינקט פאַר די פּראָדוציר־כּוחות, ווערט קלאָר אַרויסגעדרונגען פון דעם, אַז קריזיסן קענען ניט אָפּגעשאַפט ווערן אונטערן קאַפּיטאַליזם.

מאַרקס און ענגעלס האָבן שוין דערקלערט אין קאָמוניסטישן מאַניפעסט, אַז די קריזיסן וועלן זיך איבערחזרן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, און יעדן מאָל אין אַ פאַרגרעסערטן גראַד, אַזוי לאַנג ווי די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג וועט עקזיסטירן.

„ווי אַזוי קומט די בורזשואַזיע איבער די דאָזיקע קריזיסן? פון איין זייט, דורך דער געצוואונגענער פאַרניכטונג פון אַ מאַסע פּראָדוציר־כּוחות; פון דער אַנדער זייט, דורך דעראָבערן נייע מערק און דורך אַ מער גרינטלעכער עקספּלואַטאַציע פון די אַלטע מערק. דאָס מיינט, דורך דעם, וואָס זי גרייט דעם וועג פאַר נאָך ברייטערע און מער פאַרניכטנדיקע קריזיסן

און דורך פארמינערן די מיטלען וואָס קענען פארמיידן די קריזיסן.״ („קאָמוניסטישער מאַניפעסט״, זייט 37, סאָוועטיש־אידישע אויסגאַבע.)

קאָנטראָל־פראַגן:

1) וואָס זיינען די אינדיווידועלע פאַזן פון די קריזיסן?
2) וואָס איז דער אונטערשיד צווישן אַן אַלגעמיינעם קריזיס און אַ פּיילווייזן?
3) פאַרוואָס איז איבערפּראָדוקציע אונטערן קאַפּיטאַליזם רעלאַטיוו?

II. די בורזשואַזע טעאָריעס וועגן קריזיס

די בורזשואַזע וויסנשאַפט מאַטערט זיך שוין פאַר אַ גאַנצן יאָרהונדערט צו אַנטדעקן די אורזאַכן פון קאַפּיטאַליסטישע קריזיסן.

די פּראָבלעם פון דעם קריזיס איז אָבער ביז אהער אַ ניט געלייזטע רעטעניש פאַר די קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיעס. וואָרים בעת דער קריזיס איז דער שאַרפסטער און טיפסטער אויסדרוק פון די ווידערשפּרוכן פונם קאַפּיטאַליזם ענדיקט זיך אָבער דער הויפּט ווידערשפּרוך פונם קאַפּיטאַליזם,

„דער ווידערשפּרוך צווישן סאָציאַליזירטער פּראָדוקציע און קאַפּיטאַליסטישער אַפּראָפּריאַציע אין אַ גוואַלטיקן אויפריים״. (ענגעלס, „סאָציאַליזם, אוטאָפּישער און וויסנשאַפטלעכער״, זייט 65.)

די טעאָרעטיקער פון דער בורזשואַזיע באַגרייפן פולשטענדיק, אַז צו אַנערקענען, אַז די בורזשואַזע אָרדנונג פון דער געזעלשאַפט, אַלס אַזעלכע, איז שולדיק אין דעם קריזיס, וועט דאָס זיין פּונקט ווי אַ פאַרדאַמונג פון דערדאָזיקער אָרדנונג.

ווי מאַרקס האָט געשריבן:

„אַזוי לאַנג ווי פּאָליטישע עקאָנאָמיע בלייבט אינערהאַלב אָט־דעם האָריזאָנט, ד. ה., ווי דער קאַפּיטאַליסטישער רעזשים ווערט באַטראַכט ווי די אַבסאָלוטע ענדלעכע פאָרמע פון סאָציאַלער פּראָדוקציע, אַנשטאָט אַלס אַן איבערגייענדיקע היסטאָרישע פאַזע פון איר עוואָלוציע, אַזוי לאַנג קען פּאָליטישע עקאָנאָמיע בלייבן אַ וויסנשאַפט בלויז אַזוי לאַנג ווי דער קלאַסן־קאַמף איז ניט אַנטוויקלט, אָדער אַזוי לאַנג ווי ער דריקט זיך בלויז אויס אין איזאָלירטע און ספּאָראַדישע פאַלן.״ (מאַרקס, „קאַפּיטאַל״, באַנד 1, פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע, זייט 17.)

בלויז די ערשטע פאָרשטייער פון דער בורזשואַזער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, די אַזוי גערופענע קלאַסיקער, האָבן נאָך געקענט מאַכן אַ פּאַרזוך אויסצופאָרשן וויסנשאַפטלעך און אָן פאָראורטייל די געזעצן פון דער אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם.

אָבער די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע אין יענער צייט האָט נאָך ניט געוואוסט פון קיין רעגולאַרע און אַלגעמיינע קריזיסן פון איבערפּראָדוקציע.

דער בריליאַנטסטער פאָרשטייער פון דער בורזשואַזער פּאָליטישער

עקאָנאָמיע, ריקאַרדאָ, (1772-1823) וואָס האָט געשריבן אין ערשטן פערטל פונם 19טן יאָרהונדערט, האָט בלויז געוואוסט פון לאָקאַלע קריזיסן, וועלכע האָבן אויסגעבראָכן אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט און זיינען פאַר־אורזאַכט געוואָרן דורך ניט עקאָנאָמישע אורזאַכן. אָט דעריבער קוקט ריקאַרדאָ אַף די קריזיסן, ווי אַף אַ צופעליקער דערשיינונג און גלויבט אין אַן אומבאַשטימטער און ענדלאָזער פאַרזעצונג פון דעם אַנזאַמלונג־פּראָצעס אונטערן קאַפּיטאַליזם.

אזוי שנעל אָבער ווי דער קאַפּיטאַליזם איז ארויסגעוואקסן פון זיין יוגנט, אומגעפער אין 1825, איז זיין אַנטוויקלונג רעגלמעסיק געשטערט געוואָרן צוליב די אַלגעמיינע קריזיסן פון איבערפּראָדוקציע. פון דער אַנדערער זייט, האָט זינט יענער צייט, דער קלאַסן קאַמף אָנגעהויבן אָנצונעמען מער קלאָרע און באַשטימטע דראַענדיקע פאָרמען.

און אָט דעריבער, האָט שוין מארקס גערעדט וועגן דעם אין יענער צייט ווי פאָלגט:

„ער (דער קלאַסנקאַמף) האָט געקלונגען דעם טויטן־גלאָק פון דער וויסנשאַפטלעכער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. זינט דאַמאָלס אָן איז שוין מער ניט געווען די פראַגע צי די אָדער יענער טעאָרעמע איז געווען ריכטיק, נאָר צי ס'איז געווען נוצלעך פארן קאַפּיטאַל אָדער שעדלעך, פּאַסנד אָדער אומ־פּאַסנד, פּאָליטיש געפערלעך אָדער ניט. אַנשטאָט אומפּאַראַינטערעסירטע אויספאָרשער, זיינען אָנגעשטעלט געוואָרן פּריוז־פייטערס (געדונגענע שלע־גער) ; אַנשטאָט וויסנשאַפטלעכער אויספאָרשונג, דער שלעכטער געוויסן און די בייזע כונה פון אַפּאָלאָגיע (פאַרענטפערן זיך)." (מארקס, „קאַפּיטאַל", פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע, זייט 19.)

ווען די בורזשואַזע טעאָרעטיקער האָבן זיך אָנגעהויבן אַ נעם צו טאָן צו דער אויספאָרשונג וועגן די אורזאַכן פון די קאַפּיטאַליסטישע קריזיסן איז שוין אַ בורזשואַזע וויסנשאַפט וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע געווען אוממעגלעך.

א. די אַלגעמיינע מעגלעכקייט פון קריזיסן און אַ קריזיסלאָזן קאַפּיטאַליזם.

דאָס דערקלערט אויך די אָפּוועזנהייט פון יעדער געאייניקטער און אַלגעמיין אָנערקענטער בורזשואַזער טעאָריע וועגן קריזיסן. די פילצאָליקייט און די פילפאַרמיקייט פון דער בורזשואַזער לערע וועגן די אורזאַכן פון קריזיסן זיינען נאָר אַן אויסדרוק פון דעם פאַקט, אַז יעדע איינע פון זיי איז ניט צופרידנשטעלנד.

אָבער ווייל די בורזשואַזע פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז פאַרטראָטן, זינט מארקסן, דורך אַ פילפאַרביקער מאַסע פון פאַרשיידענע שולן און טענדענצן, יעדע פון וועלכער באַנעמט די פּראָבלעם פון קריזיסן פאַרשיידן, האָבן אַלע טעאָרעטיקער, אָן אויסנאַם, אַן אַלגעמיינע שטרעבונג אָפּצוקערן זיך אין אַ זייט פון די פונדאַמענטאַלע פאַקטן פונם קאַפּיטאַליזם זעלבסט, ווען ס'קומט אויס צו דערקלערן די קריזיסן, כדי צו פאַרבאַהאַלטען די ווידערשפּרוכן פונם קאַפּיטאַליזם.

אף אזא אופן זיינען דא אזוינע בורזשואזע טעארעטיקער, וואס זוכן די דערקלערונגען פון קריזיסן אין די דערשיינונגען פון דער נאטור. דזשעוואנס (1835־1882) האט דערקלערט, אז די קריזיסן זיינען ארויסגערופן געווארן פון דער ווירקונג פון די זון־פלעקן איבער דער אויבערפלאך פון דער ערד. אנדערע האבן באקליידט די דאזיקע דערקלערונגען וועגן קריזיסן לויט דער נאטור וויסנשאפט אין א מאדערנעם מלבוש, און האבן באטראכט די קריזיסן ווי א רעזולטאט פון די ענדערונגען אין די אטמאספערישע דערשיינונגען און אין די ענדערונגען אין די גערעטענישן וואס שטאמען פון דעם; אנדערע ווידער האבן אנגעפאנגען פון די פארהעלטענישן פון פינאנץ, אלס אזעלכע, ווי אויך פון די שוועריקייטן פון אויסגלייכן אנבאט און נאכפראגע, אויסטוויש און אזוי ווייטער און ווייטער. אף אזא אופן צום ביישפיל, נעמט אן דער מאדערנער בורזשואזער עקאנאמיסט קאסעל, דעם פאלגנדען שטאנדפונקט:

„אין מאדערנע קריזיסן איז אף דעם ערשטן פלאץ ניט די פראגע פון איבערפראדוקציע *** א קריזיס ברעכט אויס פון א שארפן מאנגל אין קאפיטאל, דאס הייסט, פון שפאר־פאנדן ***" (קאסעל, „טעארעטישע סאציאלע עקאנאמיע", 4טע אויפלאגע, לייפציג, 1927, זייטן 574, 577.)

אין אמתן, איז איצטער אלגעמיין באוואוסט, אז קריזיסן ווערן דוקא כאראקטעריזירט דורך א רעלאטיוון איבערפלוס פון קאפיטאל; אבער ניט קוקנדיק אויף דידאזיקע פאקטן, דערקלערט קאסעל, אז די ריכטיקע אורזאך פון א קריזיס ליגט אין א מאנגל פון קאפיטאל. די דאזיקע דערקלערונג פון קריזיסן איז זייער אנגענעם פאר דער בורזשואזיע, ווייל די אורזאך שטאמט ניט פון דער עצם נאטור פונם קאפיטאליזם און ס'שטאמט אויך ניט פון די הויפט ווידערשפרוכן, און מען קען אזוי ארום באווייזן די מעגלעכקייט פון זייער אפשאפונג. אויב, אין אמתן, קריזיסן קומען אלס רעזולטאט פון א מאנגל אין שפאר־פאנדן, איז דען ניט מעגלעך ארויפצוצווינגען א פארגרעסערונג אין די שפאר פאנדן און אזוי ארום בייצוקומען די קריזיסן?

אן אנדערער, ניט ווייניקער גוט באקאנטער בורזשואזער עקאנאמיסט, נעמלעך, וו. זאמבארט, באמערקט נאך קלארער:

„דער באדן (פאר קריזיסן) ליגט אין די אלץ זיך איבערחזורנדיקע בום־טענדענצן, וואס זיינען איינגעווארצלט אין א הויך־אנטוויקלטן קאפיטאליזם, און וועלכע האבן רעזולטירט ביז צו דער איצטיקער צייט (היסטאריש ניט אומבאדינגט נויטיק) אין אן איבערפלוס פון פראדוקציע אין אינדיווידועלע ספערן."

זינט, לויט דער טעאריע פון זאמבארטן, קריזיסן זיינען ניט אומבאדינגט נייטיק און זיינען, דעריבער, צופעליק, איז גרינג צו באווייזן, לויט דער השערה, די מעגלעכקייט פון דער אנטוויקלונג פונם קאפיטאליזם אן קריזיסן. און זאמבארט האט, ווירקלעך, דערקלערט נאך דער מלחמה שטיצנדיק זיך אף זיין טעאריע, אז דער קאפיטאליזם איז אריינגעטראטן אין א פאזע פון קריזיסלאזן קאפיטאליזם:

„דער קריזיס פון 1857 איז געווען די לעצטע קאטאסטראָפע פון א גרויסן מאסשטאב. און זינט דאמאָלסט איז דאָ א קלאָרע טענדענץ אין דער אייראָפּייאישער עקאָנאָמיע אויסצוגלייכן און מילדער מאכן דעם אנטאגאָ־ניזם, און אזוי ארום ברייננגען דערצו אז די קריזיסן זאָלן פארשוואונדן ווערן.“ (זאָמבארט, זייט 702.)

פון דעם ציט זאָמבארט דעם פאָלגנדן שלוס, וועלכער, ווי ער אליין זאָגט, איז געצילט געגן די אָרטאָדאָקסישע מארקסיסטן:

„וואָס ס׳איז ארויסגעוואקסן פונם קאפּיטאליזם, איבערלאָזנדיק אים צו זיך אליין, איז געווען אָבער, ווי ס׳איז אָנגעוויזן געוואָרן, דער געגנזאץ צו דער פאָראויסגעזאָגטער פארשטארקונג פון קריזיסן; ס׳איז געווען זייער אָפּשאפונג.“ (זאָמבארט, זייט 702.)

די טעאָריע פון א קריזיסלאָזער קאפּיטאליסטישער אַנטוויקלונג האָט געהאט א באזונדערן דערפאָלג אין פארבינדונג מיט דער אַנטוויקלונג פון קארטעלן און טראָסטן, צו וועלכע די בורזשואזע פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט צוגעשריבן א מאגישן כח אויסצולייזן דעם קאפּיטאליזם פון קריזיסן.

אזוי האָט דער פראנצויזישער עקאָנאָמיסט דזשאָן לעקור, געשריבן אין 1907 אין אן ארבעט וועגן דער געשיכטע פון קריזיסן, ווי פאָלגט:

„אויב מיר דארפן פאָראויסזאָגן די צוקונפט לויט דער דערפארונג פון די פאראייניקטע שטאטן, וועלן מיר קומען צום שלוס, אז די עקאָנאָמיעס, וועלכע זיינען אָרגאניזירט אין טראָסטן, אָדער טראָסט־געזעלשאפטן, זיינען פריי פון קריזיסן.“ („אלגעמיינע אָדער פעריאָדישע קריזיסן“.)

לעקור האָט בלויז איבערגעחזרט די מיינונג, וועלכע איז געווען ברייט פארשפרייט אין אָנפאנג פון 20סטן יאָרהונדערט צווישן די בורזשואזע אידעאָלאָגן, אז טראָסטן זיינען מיטלען בייצוקומען די קריזיסן.

פונדעסטוועגן, האָט דאָך אויסגעבראָכן א נייער קריזיס אין 1907. אָבער די בורזשואזע עקאָנאָמיסטן האָבן דערקלערט דעם דורכפאל פון זייערע נביאותן מיט דעם, וואָס די טראָסטן זיינען נאָך יונג און זיינען נאָך ניט גענוג רייף.

אָבער אז די קריזיסן זיינען אָפּגעשוואכט געוואָרן דורך לעצטן פעריאָד פון קאפּיטאליזם, א דאנק די קארטעלן און טראָסטן, איז געווען באטראכט פון די בורזשואזע עקאָנאָמיסטן אלס אן אומשטרייטבארער אמת.

אזוי ארום האָט קאסל געשריבן:

„די אלטע השערה, אז קריזיסן וועלן ווערן אלץ מער פארניכטענד, איז לכל הדעות, שוין זייער א פארעלטערטע. די פאקטן פירן צו דעם שלוס פון אן אָפּשוואכונג פון קריזיסן אין די אממערסטן פּראָגרעסיווע און אין די עקאָנאָמיש בעסער געשולטע לענדער.“ („טעאָרעטישע סאָציאלע עקאָ־נאָמיעס“, 4טע אויפלאגע, לייפּציג, 1927, זייט 476.)

טוגאַן־באַראַנאָווסקי, דער פּראָפעסער פון א וועלט־בארימטן בוך וועגן

דער טעאָריע און געשיכטע פון קאָמערציעלע קריזיסן אין ענגלאַנד (1901), האָט געשריבן:

„די קארטעלן קענען פּיליכט מילדער מאכן דעם שווערן איבערגאַנג פון בום צו דעפּרעסיע." (טוגאַן באַראַנאָווסקי, „שטודיומס וועגן דער טעאָריע און געשיכטע פון קאָמערציעלע קריזיסן אין ענגלאַנד", זייט 416.)

די אידייע וועגן דער אָפּשוואַכונג פון קריזיסן איז לעצטנס געוואָרן אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין דער בורזשואַזער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אַז פּיל פון די בעסט באַוואוסטע אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסטן האָבן אָפּגעשאַפט דאָס וואָרט „קריזיס" פון זייער ווערטער־בוך און האָבן דאָס פאַרביטן מיטן וואָרט „רעסעשאָן", מיינענדיק מיט דעם וואָרט, אַ צוריקשטויס, אָדער אַ צוריקגאַנג.

ב. דער באַנקראָט פון די בורזשואַזע טעאָריעס

די טעאָריע וועגן דער קריזיסלאָזער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם האָט זיך צעבליט אין די יאָרן 1927־1929, שטיצנדיק זיך אויף דער אַזוי גערופענער אַמעריקאַנער „פּראָספּעריטי", וועלכע איז מיט גרויס ענטוזיאַזם באַגריסט געוואָרן פון די בורזשואַזע אידעאָלאָגן. דער בום אין דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיע האָט געמיינט פאַר זיי אַן אַלגעמיינע פאַרבעסערונג אין דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע, און אומצושטערבאַרע און דויערנדע סטאַביליזאַציע פונם קאַפּיטאַליזם.

די פּילצאָליקע עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרן פון דער בורזשואַזיע, כדי זיי זאָלן קענען פּראָוויסזאָגן דעם עקאָנאָמישן וועטער, האָבן צעפּויקט איבער דער גאַנצער וועלט סאַמע ערב דעם קריזיס פון 1929, אַז די אַמעריקאַנער „פּראָספּעריטי" איז אומבאַשריינקט.

עס איז זייער מערקווירדיק, וואָס אַ קאָמיסיע פון די באַרימטסטע אַמעריקאַנער בורזשואַזע וויסנשאַפטסלייט אויף דער אויפפאָדערונג פון הואווער, דעם געוועזענעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט אַרויסגעלאָזט אַ סימפּאָזיום פאַרן אויסברוך פונם קריזיס, אין וועלכן זי האָט שוין צוגעשריבן קריזיסן צו דעם אַלטוואַרג־צימער פון דער געשיכטע.

דער אַריינפיר צו דעם באַריכט פון דער הואווער קאָמיסיע האָט דערקלערט ווי פאָלגט:

„אַמאָל, איז אַן אונטערבראָכענער אָנהויב און אָפּשטעל פון פּראָדוקציע־פאַרברויך געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער עקאָנאָמישער סיטואַציע. ס'איז געווען פּלוצלומדיק און אומפאָראויסזעענדיק, און נאָך דער איבער־פּראָדוקציע פלעגט קומען אַ פּויזע, כדי דער פאַרברויך זאָל זי קענען אָניאָגן. פאַר די זיבן יאָר פון באַאָבאַכטונג זעט זיך קלאָר אַרויס אַ מערער באַשטימטער באַלאַנס פון פּראָדוקציע־פאַרברויך." („די לעצטע עקאָנאָמישע ענדערונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן", באַריכט פון דער הואווער קאָמיסיע, באַנד 1, זייט 21.)

די הוּווער קאָמיסיע האָט געצויגן פאָלגנדע שלוסן וועגן די צוקונפטיקע אויסזיכטן פונם אַמעריקאַנעם קאַפּיטאַליזם:

„אזוי לאנג ווי דער אפּעטיט פאַר סחורות און לייסטונגען („סוירר־וויסעס") איז פּאַקטיש אומזעטבאר, ווי עס שיינט אויס צו זיין, און אזוי לאנג ווי די פּראָדוקטיוויטעט קען אומאויפהערלעך פאַרגרעסערט ווערן, קומט אויס אז מיר קענען אָנגיין מיט א פאַרגרעסערטער אַקטיוויטעט." (זייט 22.)

דער אָנגעשטריינגטער קריזיס אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אָבער מיט פאַראַכטונג צו שפּאָט געמאַכט די עקאָנאָמישע וועטער־נביאים און האָט צעריסן אין פּיצלעך די אילוזיעס פון א קריזיסלאָזער אַנטוויקלונג פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם. דער איצטיקער קריזיס דעמאָנסטרירט פאַר דער גאַנצער וועלט, אין דער קלאָרסטער פאָרמע, דעם פולשטענדיקן באַנקראָט פון דער בורזשואַזער עקאָנאָמישער טעאָריע.

די בורזשואַזיע מעג אָנגיין גרינדן אַזויפיל ספּעציעלע אינסטיטוציעס וויפיל ס'גלוסט זיך איר נאָר, אָבער אזוי לאַנג ווי דער קאַפּיטאַליזם וועט האַלטן אין עקזיסטירן, וועלן אומדערוואַרטעט און אומפאַרמיידלעך אויס־ברעכן קריזיסן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. ווייל קריזיסן ווערן פאַראורזאַכט דורך דער נאַטור פון קאַפּיטאַליזם זעלבסט.

ס'איז זייער וויכטיק צו באַמערקן, אז די בורזשואַזע „עקאָנאָמישע וויסנשאַפט", נאָכדעם ווי זי גיט אַן איבערבליק איבער די ענדלאָזע סעריעס פון די פיל פאַרשיידענע קריזיס־טעאָריעס און פילנדיק דעם באַנקראָט פון יעדער איינער פון זיי, איז איצטער, אין דער פּערזאָן פון איר נייסטען פאַרטרעטער, געקומען צו דעם פּונקט ווען זי וואַרפט אינגאַנצן אַוועק יעדן געדאַנק פון אויפשטעלן וועלכע ס'ניט איז קריזיס־טעאָריע. אזוי אַרום געפינען מיר אַז איינער פון די מאָדערנסטע קריזיס עקספּערטן אין די פאַראיי־ניקטע שטאַטן, מיטשעל, האָט גאָר אין אַלגעמיין אויפגעגעבן די אידייע פון צושטעלן אַ וואָסערע ס'ניט איז טעאָריע פון דעם קריזיס אין זיין בוך, ביזנעס ציקלען, און קיינער דאַרף זיך ניט וואונדערן, וואָס מיטשעל האָט פראַנק און פריי אַוועקגעשטעלט אַ פּשוטע באַשרייבונג פונם קריזיס אַנשטאָט אַ דערקלערונג פון זיינע אורזאַכן.

דזשאָן מיינאַרד קינס איגנאָרירט דעם קריזיס אויף אַן אַנדער אופן. אין זיין בראָשור וועגן צו פּראָספּעריטי, זאָגט ער:

„עס (דער קריזיס) קומט פון עפּעס א דורכרייס פון די אוטאָמאַטערי־עלע איינפאַלן אין דעם פונקציאָנירן פון די מאַטיוון, וועלכע דאַרפן פירן צו די באַשלוסן און אַקטן פון ווילן, וואָס זיינע נויטיק צו לאָזן אין באַוועגונג די רעזערוון און די טעכנישע מיטלען, וועלכע מיר פאַרמאָגן שוין."

ס'איז פּונקט אזוי ווי צוויי אָנטרייבער האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן אויפן שליאַך, ווייל קיינער פון זיי ווייסט ניט די געזעצן פונם וועג! אָבער אפילו דזשאָן מיינארד קינס אנערקענט די ערנסטקייט פון דער לאַגע, כאָטש ער אַגומענטירט, אז אוטאָפּישע פּלענער קענען דאָס לייזן.

„מיר האָבן דערגרייכט א קריטישן פונקט. ס'איז אמת, אין איין וועג, אז דער טומאן הויבט זיך שוין אויף. מיר קענען אמווייניקסטנס קלאָר זען דעם ציל צו וועלכן אונזער איצטיקער וועג פירט אונז. ווייניק פון אונז צווייפלען, אז מיר מוזן אָן שום אָפּליוג געפינען א ווירקזאמען מיטל צו הייבן די וועלט־פּרייזן; אָדער מיר מוזן דערוואַרטן דעם שטייגנדן צוזאמענברוך פון דער עקזיסטירנדיקער סטרוקטור פון קאָנטראַקט און אינסטרומענטן פון פארשולדיקייט, באגלייט פון א פולשטענדיקן דיסקרעדיט פון דער אָרטאָדאָקסישער פירערשאפט אין פינאַנץ און אין דער רעגירונג, און וואָס דער ענדלעכער אויסגאנג וועט זיין קענען מיר ניט פאָראויסזאָגן."

ניט אומזיסט האָט לענין געשריבן, אז „צו ריידן נאָך מארקסן וועגן וועלכער עס איז ניט־מאַרקסיסטישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, איז נאָר כדי אָפּצונאַרן די פיליסטינער, מעגן זיי אפילו זיין גאָר ציוויליזירטע".

קאָנטראָל־פראַגן:

1) וואָס איז דער כאראקטעריסטישער שטריך פון אלע בורזשואזע טעאָריעס?
2) פארוואָס איז א וויסנשאפטלעכע בורזשואזע קריזיס טעאָריע אוממעגלעך?

III דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַגריף וועגן קריזיס

די סאָציאַל־דעמאָקראטיע אין געביט פון טעאָריע, ווי אויך אין דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק, איז דער אַגענט און דער אדוואָקאט פון דער בורזשואזיע. דאָס דערקלערט פארוואָס זי האָט ניט ארויסגעשטעלט קיין שום זעלבסטשטענדיקע קריזיס־טעאָריע. אָבער בשעת די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַרטיידיקט דעם בורזשואזן שטאַנדפּונקט אַף יעדן אופן און אין יעדער ספערע פון טעאָריע, פאַרמאַסקירט זי, דורך אַ מאַרקסיסטישער פראַזעאָלאָגיע, די בורזשואזע נאַטור פון אירע טעאָרעטישע דערקלערונגען.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נעמט איבער די מאָדערנסטע בורזשואזע טענדענצן וועגן דער דערקלערונג פון קריזיסן וועלכע זיינען אַמבעסטן צוגעפּאַסט פאַר דער פּראַקטישער פּאָליסי פון דער בורזשואזיע. ס'איז נאַטירלעך, אז דער צוזאַמענברוך פון די בורזשואזע טעאָריעס איז, אין דער זעלבער צייט, דער צוזאַמענברוך פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע לערעס וועגן קריזיסן.

א. דער צוזאַמענברוך פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע לערעס וועגן קריזיסן

איז דען ניט די פאָלגנדע דערקלערונג וואָס איז געגעבן געוואָרן אין

מיטן פון 1931 פון דעם רוסישן מענשעוויק דעניקע (וואָס שרייבט אונטערן פען נאָמען דעקער, דער הויפט טעאָרעטיקער פון הילפערדינגס „געזעל־שאַפט"*), אַן אויסדרוק פון דעם פולשטענדיקן באַנקראָט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן?

„איך גיב אָפּן צו, אַז איך זע ניט קיין שום מעגלעכקייט צו באַשרייבן דעם איצטיקן קריזיס אין זיין גאַנצער היסטאָרישער אייגנאַרטיקייט, און איך האָב מורא, אַז אַזאַ באַשרייבונג וועט ערשט מעגלעך זיין, נאָך דעם ווי דער קריזיס וועט אַריבער." (געאָרג דעקער, „עקאָנאָמישע קריזיסן און פּאָליטיק", „געזעלשאַפט", 1931, נומער 4, זייט 320.)

אַזוי אַרום גיבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן צו, אין דער פּערזאָן פון דעקערן, אַז זיי קענען ניט פאָרלייגן קיין שום דערקלערונג פאַר דעם מאָדערנעם קריזיס.

אָבער קיינער דאַרף ניט זיין איבעראַשט פון דעם. ווייל די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן פאַרשפּרייט אין משך פון אַ סך יאָרן די בורזשואַזע חלומות וועגן דער אָפּשוואַכונג פון קריזיסן, וועלכע זיינען אויסגעבראַכן געוואָרן דורך די לעצטע 10 יאָר; נאָך מער, זיי האָבן געפּרואווט באַווייזן די מעגלעכקייט פון אַ קריזיסלאָזער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם.

האָפנדיק, אַז זייערע לעזער וועלן זיך ניט נעמען די מי איבערצוקוקן וואָס זיי האָבן, למשל, געשריבן פריער מיט צוויי יאָר, דערקלערן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דזשענטעלמען היינט־צו־טאָג, אַז קריזיסן קענען ניט אָפּגעשאַפט ווערן אונטערן קאַפּיטאַליזם. אַזוי אַרום, למשל, שרייבט דער זייער באַרימטער פריץ נאַפטאַלי, אין דער מאַי אויסגאַבע פון דער „געזעלשאַפט":

„אַז די אַנטוויקלונג פון די מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע פאָרמען *** קענען ניט אָפּשטעלן די ווירקונג פון די קריזיסן, איז שוין אומדערשעפלעך באַוויזן געוואָרן פון הילפערדינג אין 1910." (פריץ נאַפטאַלי, „אָרגאַניזירטער קאַפּיטאַליזם און עקאָנאָמישע קריזיסן", נומער 5, 8טן יאָר, זייט 424 און 425.)

נאַפטאַלי שרייבט ווייטער:

„ווען סאָציאַליסטן ריידן וועגן אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם ווי אַלס אַ 'העכערער' פאָרמע פון קאַפּיטאַליזם מיינען זיי אַ 'העכערע' און ניט אַ 'בעסערע' פאָרמע." (זייט 426.)

ס'איז געווען אַ צייט, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן אויך פאַרשטאַנען, אַז קריזיסן קענען ניט אָפּגעשאַפט ווערן אונטערן קאַפּיטאַליזם.

אַזוי, למשל, אין אַ סעריע אַרטיקלען, וועלכע זיינען געווען אָפּגעדרוקט אין דער נייע צייט, 1902, האָט קאַוטסקי געשריבן:

„אין אַלגעמיין מעג געזאָגט ווערן, אַז קריזיסן וועלן זיך פאַרשאַרפן

*) דער טעאָרעטישער אָרגאַן פון די דייטשע סאָציאַל דעמאָקראַטן.

און פארשפרייטן מער און מער.“ („נייע צייט“, 1902, באנד 2, זייט 136.)

און ווייטער, אין דעם זעלבן ארטיקל באמערקט ער:

> „דאס אליין, ווייזט די ניט אויסגעהאלטנקייט פון אלע רייד וועגן איבערקומען אדער אפילו וועגן דער אפשוואכונג פון קריזיסן דורך די קארטעלן, וועלכע, ניט קוקנדיק אף דער גאנצער דערפארונג, זיינען נאך ניט אינגאנצן פארשטילט געווארן.“ (זייט 3.)

אבער כאטש אפילו די סאציאל־דעמאקראטן אליין האבן ניט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון דער אפשאפונג פון קריזיסן אונטערן קאפיטאליזם, האבן זיי דאך, אין פארלויף פון די לעצטע יארן, געפרואווט איבערצייגן די ארבעטער, אז די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט קען דערגרייכן אזא לאגע פון פולקאמענהייט, אז זי קען זיך אנטוויקלען אן שום ווייטערדיקע קריזיסן.

ניט אומזיסט לויבט זאמבארט אזוי היים די סאציאל־דעמאקראטישע טעארעטיקער, ווייל זיי אויך אנערקענען „די געשיקטע צופאסונג־פיאיקייט פונם קאפיטאליזם“.

> „די וואולגארע מארקסיסטישע טעאריע האלט זיך שטארק אן דעם שטאנדפונקט, אז די קאפיטאליסטישע עקאנאמיע איז ‚אנארכיש‘. ס'איז גאר ניטא קיין פאלשערע זאך ווי דאס. אינטעליגענטע מארקסיסטן האבן שוין לאנג צוגעגעבן אז דער שטאנדפונקט איז אינגאנצן א פאלשער. די ארבעטן פון ק. רענער, ר. הילפערדינג, ע. לעדערער און אנדערע האבן געצילט צו שילדערן די געשיקטע צופאסונג־פיאיקייט פונם קאפיטאליזם, ווייניקסטנס, טיילן פון אים.“ (זאמבארט, „דאס עקאנאמישע לעבן אין צייט פון הויכן קאפיטאליזם“, באנד 3, טייל 2, זייט 952.)

אבער לאמיר הערן וואס די דאזיקע טעארעטיקער פון דער סאציאל־דעמאקראטיע, די „אינטעליגענטע מארקסיסטן“ (ווי זאמבארט רופט זיי), האבן צו זאגן וועגן קריזיסן.

הילפערדינג האט אנגעצייגט אפן קילער קאנגרעס פון דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע אין 1927, אז דער קאפיטאליזם איז אריינגעגאנגען אין א נייער עפאכע פון „ארגאניזירטן קאפיטאליזם“, וועלכע ווי ער זאגט

> „מיינט די פארביטונג פון דעם קאפיטאליסטישן פרינציפ פון פרייער קאנקורענץ אף דעם סאציאליסטישן פרינציפ פון פראדוקציע לויט א פלאן“. („פראטאקאלן פון דעם סאציאל־דעמאקראטישן קאנגרעס“, 1927, זייט 168.)

קאוטסקי האט פאלגנדעס געשריבן אין זיין פארווארט צו דער פאלקס־אויסגאבע פון דעם צווייטן באנד פון קאפיטאל, וועלכער איז דערשינען אין 1926:

> „און מיר סאציאליסטן האבן אליין געזאגט, אז קריזיסן זיינען אומ־פארמיידלעך אזוי לאנג ווי די פראדוקציע פארבלייבט א קאפיטאליסטישע. אין געגנזאץ צו דעם, זיינען די קאפיטאליסטן געווען די יעניקע, וועלכע האבן געהאפט אז ס'וועט מעגלעך זיין צו פארמילדערן די קריזיסן דורך די ארבעטס־געבער אסאסיאציעס *** אזוי איז די לאגע געווען ביז דער

וועלט מלחמה. די מלחמה האָט גרינטלעך רעוואָלוציאָניזירט די באַציאונגען אין די ספערן וועגן וועלכע עס ווערט דאָ גערעדט.“

„*** בשעת זיי (די קריזיסן) האָבן אויסגעבראָכן ביז דאַמאָלסט (ביז דער וועלט מלחמה — רעד.) צוליב ריין עקאָנאָמישע באַדינגונגען (אָף אַזויפיל אָף וויפיל זיי זיינען געווען פון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער), וועלכע האָבן געקענט ווינציק וואָס באַאיינפלוסט ווערן פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטיק, האָבן מיר זינט דאַמאָלס דערגרייכט אַ צאָל קריזיסן, וועלכע זיינען אין זייער גרעסטן טייל אַ פּראָדוקט פון רעגירונג־פּאָליסיס, וועלכע קענען, אַזוי אַרום, פאַרמידן ווערן אפילו מיט דער פאָרזעצונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע, אויב די פּאָליסי פון די רעגירונגען זאָל זיין אַביסל וויניקער דיקטירט פון מיליטאַריסטישע און מאָנאָפּאָליסטישע איינפלוסן און אַביסל מער מיט אַן איינזיכט אין די עקאָנאָמישע נויטן פונם פּראָצעס פון צירקולאַציע.“

פילע אויסדרוקן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן קענען ציטירט ווערן, וועלכע האָבן געצילט צו באַווייזן, צוזאַמען מיט קאַוטסקין, אַז קריזיסן זיינען ניט איינגעבוירן אין דער נאַטור פון דעם נאָך־מלחמהדיקן קאַפּיטאַליזם, און אַז זיי קענען אָפּגעשאַפט ווערן אונטערן קאַפּיטאַליזם.

דער זעלבער נאַפּטאַלי וואָס זאָגט היינט־צו־טאָג, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן שטענדיק געוואוסט אַז קריזיסן זיינען אומפאַרמיידלעך אונטערן קאַפּיטאַליזם, האָט דערקלערט פאָלגנדעס, צום ביישפּיל, אין אַ לעקציע אין 1928, וועלכע איז דאַמאָלסט אַרויסגעגעבן געוואָרן אַלס אַ בראָשור:

„איידער מיר באַלייכטן די אורזאַכן פון דער ענדערונג, ווילן מיר פריער פאַר אַלץ פעסטשטעלן אַז די פּראָבלעמען פון דער עקאָנאָמישער לאַגע שטייען, היינט צו טאָג, פאַר דער מאָדערנער אַרבעטער באַוועגונג גאָר אין אַן אַנדער ליכט. היינט צו טאָג האָבן פאַר זיך די טרייד־יוניאָנס און די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אומעטום אַלס זייער חוב צו קעמפן קעגן יעדער קריזיס דערשיינונג. דער ציל פון זייער עקאָנאָמישער פּאָליסי איז בייצוקומען, פאַרלייכטערן און באַוואָרענען זיך קעגן קריזיסן.“ (נאַפּטאַלי, „די עקאָנאָמישע לאַגע און דער אַרבעטער קלאַס“, בערלין, 1928, זייטלעך 6 און 7.)

אין דעם פּרט איז נאַפּטאַלי אַרויסגעגאַנגען פון דער השערה, אַז דער וואוקס פון אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם, וועלכער איז אַנאָנסירט געוואָרן פון הילפערדינגען איז ניט אַנדערש ווי „דער פּעריאָד פון סאָציאַליזם“ (זייט 32).

אויב נאַפּטאַלי דערקלערט היינט־צו־טאָג, אַז דער „אָרגאַניזירטער קאַפּיטאַליזם“ איז ערגער פון דעם קאַפּיטאַליזם פון דער פאַרגאַנגענהייט, באַווייזט דאָס נאָר, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער שלעכטער לאַגע פונם אַרבעטער קלאַס ליגט אינגאַנצן ביי דער טיר פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט גערופן דעם אַרבעטער קלאַס צו קעמפן פאַר דעם „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם“, אָף אַזויפיל אָף וויפיל זי האָט געזוכט

צו מאַכן אים מער אָננעמבאַר פאַר די אַרבעטער דורכדעם, וואָס זי האָט כאַראַקטעריזירט דעם דאָזיקן קאַפּיטאַליזם אַלס „סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע לויט אַ פּלאַן" אָדער אַלס די „ערשטע שטופּן פונם סאָציאַליזם".

אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ליטעראַטור איז ניטאָ קיין איינ־הייטלעכע טעאָריע וועגן קריזיסן, פּונקט ווי ס'איז ניטאָ אין דער בורזשואַזער פּאָליטישער עקאָנאָמיע בכלל. יעדער אינדיווידועלער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער שרייבער אַנטוויקלט זיך זיין אייגענע ספּעציעלע קריזיס „טעאָריע". אָבער וואָס איז יאָ איינהייטלעך און אַלגעמיין אין דעם באַגריף וועגן קריזיסן פון אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, איז אַז קריזיסן שטאַמען ניט פון די הויפּט ווידערשפּרוכן אינם קאַפּיטאַליזם.

צוויי טענדענצן זיינען די ברייט פאַרשפּרייטסטע צווישן די פילע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דערקלערונגען וועגן קריזיסן: איינע זאָגט, אַז קריזיסן שטאַמען פון דיספּראָפּאָרציאָנאַליטעט (אומבאַלאַנסירטקייט) און די אַנדערע דערקלערט דאָס מיט אונטער־פאַרברויך.

די ענגלישע אַרבייטער פּאַרטיי, מיט דער כאַראַקטעריסטישער אַפּוועזנ־הייט פון קלאָרקייט, סיי אין טעאָריע אָדער אַקציע, פּרוּווט צו קאָמבינירן די ביידע „טעאָריעס" אין אַ דערקלערונג וועגן קריזיסן. אין איר אָפיציעלן „סטאַדי גייד" נומער 3, „די סאָציאַליזירונג פון דער אינדוסטריע", גיבן זיי די אורזאַכן פון די קריזיסן ווי פאָלגט:

> „נאָרמאַל גענומען, קענען די אַרבעטער ניט אויסגעצאָלט ווערן אין שכירות דעם ווערט פון די רייכטימער וואָס זיי פּראָדוצירן, ווייל אַנדערש־ווייז וועלן דאָך די קאַפּיטאַליסטן און לענדלאָרדס ניט האָבן קיין רענט, קיין פּראָצענט און פּראָפיט; און אַזוי ווי די קאַפּיטאַליסטן און לאַנד־אייגנטימער נויטיקן זיך אין ניט מער אַלגעמיינע באַדערפעגישן פון לעבן, ווי ס'נויטיקט זיך דער דורכשניטלעכער מענטש, קומט אויס אַז ס'איז דאָ אַן 'איבערפלוס' פּראָדוקציע פון דער אינדוסטריע, וועלכער זאַמלט זיך אָן פּעריאָדיש, ביז עס קומט אָן, וואָס מען רופט אָן, אַ קריזיס."

דאָס, ווי מיר וועלן זען, איז אַ פאַרדרייטע און דעריבער אַ ניט־ריכטיקע דערקלערונג וועגן קריזיסן. וואָס איז אָבער וויכטיק איז, אַז די איבערגע־דרייטע טעאָריע דינט דעם צוועק פון דער לייבאָר פּאַרטיי. דורך דעם פאַרזוך צו דערקלערן קריזיסן דורך אונטער־פאַרברויך און דיספּראָפּאָרציע אין דער פּראָדוקציע, פאַרדעקט זי די פונדאַמענטאַלע סיבה פונם קריזיס. אויף אַזאַ אופן ציט אָפּ די לייבאָר פּאַרטיי די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרבעטער פון דעם קאַפּיטאַליזם, און באַמבלט פאַר זייערע אויגן פאַלשע האָפנונגען פון רעפאָרמירן דעם קאַפּיטאַליזם דורך „קאָנטראָלירטער פּראָ־דוקציע" און אַ „לעבנס ווידזש". אויב אַלץ, וואָס פאַראורזאַכט קריזיסן, זיינען נידעריקער לוין און „אָנגעזאַמלטער איבערפלוס", קלערן די אַרבעטער אונטער דעם איינפלוס פון די לערעס פון דער לייבאָר פּאַרטיי, איז דאָך ניטאָ קיין שום נויטווענדיקייט אומצוּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם דורך אַ רעוואָלוציאָנערן וועג, נאָר אַלצדינג וועט זיין רעכט אויב די שכירות וועלן פאַרגרעסערט ווערן און דער איבערפלוס וועט אָפּגעזעצט ווערן. ווי מיר וועלן זען, איז סיי די און סיי די צווייטע, אָדער ביידע דערקלערונגען צוזאַמען

ניט גענוג צו דערקלערן פאַרוואָס עס טרעפן קריזיסן און ווי אַזוי איבערצו־קומען די דאָזיקע קללה, וועלכע ברייינגט מיט זיך אומבאַשרייבלעכע נויט און אָרעמקייט.

ב. די דיספּראָפּאָרציע אומבאַלאַנסירטקייט טעאָריע

ווי ס׳איז באַוואוסט, איז הילפערדינגס טעאָריע וועגן קריזיס זייער פּאָפּולער אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ליטעראַטור. הילפערדינגס באַגריף וועגן קריזיסן איז אינגאַנצן אַדאָפּטירט געוואָרן פון בראַוטאַל און נעלטינגס, די צונויפשטעלער פון צוויי סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טעקסט־ביכער וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע, און אויך פון אַנדערע שרייבער פון פיל אַרטיקלען, וועלכע זיינען דערשינען אין די טעאָרעטישע אָרגאַנען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (און אין דער „געזעלשאַפט“ און „קאַמף“).

הילפערדינג גייט אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז קריזיסן ברעכן אויס צוליב דער ניט־פּראָפּאָרציע אין די פאַרשיידענע צווייגן פון דער פּראָדוקציע, וועלכע אַנטוויקלט זיך אין פאַרלויף פון פּראָספּעריטי צייטן. אַזוי ווי הילפערדינג דיינקט, אַז די אָרעמקייט פון די מאַסן קען ניט באַגרעניצן דעם סכום פון פּראָדוקציע, קומט ער צום שלוס, אַז ווען די ריכטיקע פּראָפּאָרציע צווישן די פאַרשיידענע צווייגן פון דער פּראָדוקציע זאָל אָנגעהאַלטן ווערן, וואָלט די פּראָדוקציע געקענט אָנגיין ווייטער אויף שטענדיק אָן דעם רעזולטאַט פון קריזיסן:

> „דער אויסדרוק: ׳איבער־פּראָדוקציע פון די סחורות׳, איז אין אַלגעמיין פּונקט אַזוי זינלאָז ווי דער אויסדרוק ׳אונטער־פאַרברויך׳. שטרייננג געזאָגט, קען מען בלויז ריידן וועגן ׳אונטער־פאַרברויך׳ אין אַ פיזיאָלאָ־גישן זינען; דער אויסדרוק, פון דער צווייטער זייט, איז אָבער אַן אַבסורד אין עקאָנאָמיע, און באַצייכנט נאָר, אַז די געזעלשאַפט האָט פאַרברויכט ווינציקער, וויפיל זי האָט פּראָדוצירט. אָבער אַזאַ זאַך וואָלט ניט מעגלעך געווען, ווען מען זאָל פּראָדוצירן נאָר די ריכטיקע פּראָפּאָרציעס.“ (היל־פערדינג, „דאָס פינאַנץ קאַפּיטאַל“, ווין, 1923, זייט 300.)

אַזוי, אַז ווען מען זאָל אָפּהיטן פּראָפּאָרציאָנאַליטעט צווישן די צווייגן פון דער פּראָדוקציע,

> „קען די פּראָדוקציע אויסגעשפּרייט ווערן אָן אַ גרעניץ, אָן דעם אַז עס זאָל פירן צו איבער־פּראָדוקציע פון סחורות“. (זע זייט 300.)

די טעאָריע איז ניט דערפונדן געוואָרן פון הילפערדינגן אַליין. ער האָט זי אַנטוויקלט פון טוגאַן־באַראַנאָווסקין, וואָס האָט אויך פאָרגעשטעלט די קריזיסן אַלס אַ רעזולטאַט פון שטערונגען אין דער פּראָדוקציע צווישן פאַרשיידענע צווייגן פון דער פּראָדוקציע. פון דעם, אַלס אַן אַרויסגאַנג פּונקט, באַהויפּטעט טוגאַן־באַראַנאָווסקי, אַז ווען אַלס רעזולטאַט פון פאַרבייטן די אַרבעטער דורך מאַשינעריע, וואָלט נאָר איין אַרבעטער פאַר־בליבן, וואָלט ניט געדאַרפט זיין קיין קריזיס, אויב נאָר ס׳וואָלטן אָנגעהאַלטן געוואָרן די ריכטיקע פּראָפּאָרציעס צווישן די צווייגן פון דער פּראָדוקציע.

„אויב די אויסברייטערונג פון דער פּראָדוקציע איז פּאַקטיש גרענעצ־לאָז, דאַרף אָנגענומען ווערן אַז די אויסברייטערונג פונם מאַרק איז אויך אַזוי גרענעצלאָז, ווייל מיט דער פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטיילונג פון סאָציאַ־לער פּראָדוקציע זיינען ניטאָ קיין אַנדערע גרענעצן פאַר דער אויסשפּרייטונג פון מאַרק, ווי די פּראָדוציר כוחות וועלכע די געזעלשאַפט פאַרמאָגט.“ (טוגאַן באַראַנאָווסקי, „שטודיומס וועגן דער טעאָריע און דער געשיכטע פון קאָמערציעלע קריזיסן“, זייט 231.)

דער נאַציאָנאַלער קאָונסיל פון לייבאָר קאַלעדזשעס אין זייער טעקסט־בוך, וועג ווייזער פאַר עקאָנאָמיעס, איז אויך אריינגעצויגן געוואָרן פון אָט דער טעאָריע. אַזוי שרייבן זיי אין זייער לעצטער אויפלאַגע:

„ס'איז אַבסאָלוט ניטאָ קיין שום וועג צו פאַרזיכערן, אַז אַלע אינדוס־טריעס וועלן אויסשפּרייטן די פּראָדוקציע אויף דעמזעלביקן מאַסשטאַב, און אַז די פאַרגרעסערטע פּראָדוקציע פון איין אינדוסטריע וועט געפינען אַ מאַרק דורך אויסטויש קעגן דער פאַרגרעסערטער פּראָדוקציע פון אַנדערע אינדוסטריעס ***“ (זייט 85.)

„ס'וועט זיין אַ רעלאַטיווע איבער־פּראָדוקציע פון שיך, ווייל די שיך־אינדוסטריע איז 'אַוועק ווייטער' פון אירע שכנים, צו ווייט.“ (זייט 83.)

אין קאָנסטרוקציאָנעלע סחורות ספּעציעל קען ארויסוואַקסן אַ מאַנגל אין פּראָפּאָרציע:

„זייער פּראָדוקציע קען זיך דאַריבער אויסברייטערן און געפינען אַ מאַרק, נאָר דאַמאָלסט ווען די אינדוסטריע ברייטערט זיך אויס אין אַ גרע־סערער פּראָפּאָרציע.“ (זייט 84.)

„אַזוי אַרום זעען מיר, אַז די אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע אַפן באַזיס פון בסדרדיקע אויסברייטערונגען פון פירמעס און דאָס בסדרדיקע אריינברענגונג פון נייער מאַשינעריע גייט ניט אַזוי גלאַט, נאָר אין אַ סעריעס פון אויפטרייסלונגען. יעדע אויפטרייסלונג צעוויגט און אָפּטמאָל ברעכט דאָס אויך איין די גאַנצע עקאָנאָמישע סיסטעם.“ (זייט 86.)

דער אַרגומענט פונם גאַנצן קאַפּיטל 10 וועגן „אינדוסטריעלע קרי־זיסן“ איז, אַז „צעטרייסלונגען“ דערשיינען צוליב דער שלעכט־פּראָפּאָר־ציאָנאַליזירטער איבערפּראָדוקציע.

אָבער פאַרוואָס איז די דיספּראָפּאָרציע טעאָריע פון טוגאַן־באַראַ־נאָווסקין, הילפערדינגען און פון דעם נאַציאָנאַלן קאָונסיל פון לייבאָר קאַלעדזשעס פאַלש?

„דאָס פאַבריצירן פון מיטלען פון פּראָדוקציע איז נאָך אַלעמען פאַר־בונדן מיט דער פאַבריצירונג פון פאַרברויך־אַרטיקלען, ווייל די מיטלען פון פּראָדוקציע ווערן ניט פאַבריצירט פאַר זייער אייגענעם נוצן, נאָר דער־פאַר ווייל זיי ווערן אַממערסטן געברויכט אין די אינדוסטריעס וואָס אַרבעטן אויס אַרטיקלען פון געברויך.“ (לענין, געזאַמלטע ווערק, באַנד 2, זייט 511, רוסישע אויסגאַבע.)

דאָס מיינט, אַז קריזיסן וועלן זיך אַנטוויקלען אוממפאַרמיידלעך, ניט קוקנדיק וואָס פאַר אַ פאַרזוך ס'זאָל ניט געמאַכט ווערן צו קאָאָרדינירן די פאַרשיידענע צווייגן פון דער פּראָדוקציע. מאַשינען ווערן נאָר פּראָ־דוצירט, כדי צו ווערן באַנוצט, פריער אָדער שפּעטער, צו פּראָדוצירן אַר־טיקלען פון פאַרברויך. אָבער כדי די מאַשינען זאָלן ברייגנען נוצן, מוזן זיי שפּילן די ראָלע פון קאַפּיטאַל און פונקציאָנירן אין דער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער און אין דער באַשאַפונג פון פּראָפיטן.

אַף דעמזעלבן אופן ווערן די אַרטיקלען פון פאַרברויך, פריער פאַר אַלץ, פּראָדוצירט פאַר פּראָפיט און, אויב אַ דאַנק דער פאַראַרעמונג פונם אַרבעטער קלאַס, וועלכע פאַרגרעסערט זיך אין דירעקטער פּראָפּאָרציע צו דעם פאַרברויך פון דער מאַשינעריע, ווערט די מעגלעכקייט פון אָפּזעצן אַרטיקלען פון געברויך באַגרענעצט, מוז דאַן קומען צו אַזאַ פּונקט, ווען ס'איז אוממעגלעך אָפּצוזעצן די פאַרברויך־אַרטיקלען כדי צו באַקומען אַ פּראָפיט, און אַזוי אַרום געשעט דער אַזוי גערופענער איבערפּלוס. דאָס ווירקט אויף דעם פאַרברויך פון דער מאַשינעריע, וועלכע אונטער די אומ־שטענדן קען ניט באַשעפטיקט ווערן אַף אַ פּראָפיטאַבעלן שטייגער און דאָ געשעט אויך אַן איבערפּלוס פון פּראָדוקציע.

די זינלאָזיקייט פון דער טעאָריע איז אַזוי אַרום אויפגעדעקט, די טעאָריע לויט וועלכער קריזיסן קענען בלויז דערקלערט ווערן דורך דער ניט־פּראָפּאָרציע וואָס עקזיסטירט אין די צווייגן פון דער פּראָדוקציע, אַ ניט־פּראָפּאָרציע וועלכע ווערט באַטראַכט אומאָפּהייניגיק פון דער פּראָ־דוקציע, און וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט דער אָרעמער לאַגע פון די מאַסן אונטערן קאַפּיטאַליזם.

די קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיע איז, אויסער דעם, אַן אַנאַרכישע עקאָ־נאָמיע. די אַנאַרכיע פון די פּראָדוקציע־פאַרהעלטענישן, כסדרדיקע שטע־רונגען אין דער פּראָפּאָרציע צווישן די פאַרשיידענע צווייגן אין דער פּראָ־דוקציע, די דיספּראָפּאָרציע, דאָס הייסט, דאָס פאַרלירן פון גלייכגעוויכט, איז דער הערשנדיקער געזעץ אונטער די אַנאַרכישע עקאָנאָמישע באַ־דינגונגען.

די טעאָריע פון דיספּראָפּאָרציאָנאַליטעט קען ניט צופרידנשטעלנדיק דערקלערן די אורזאַכן פון אַלגעמיינע קריזיסן. וואָרים פאַרוואָס ברעכן אויס קריזיסן אין באַשטימטע פּעריאָדן פון צייט, ניט קוקנדיק אַף דעם פאַקט, וואָס די דאָזיקע דיספּראָפּאָרציאָנאַליטעט עקזיסטירט שטענדיק אונטערן קאַפּיטאַליזם?

פאַרוואָס נעמט אָן די דיספּראָפּאָרציאָנאַליטעט, וועלכע עקזיסטירט שטענדיק אונטערן קאַפּיטאַליזם, אין געוויסע מאָמענטן אַ כאַראַקטער, וועל־כער ווייזט אַז די באַוועגונג פון אויסגלייכן די פאַרשיידענע צווייגן פון פּראָדוקציע איז אוממעגלעך, אויסער דורך דעם וועג פון אַן אַלגעמיינעם קריזיס? די טעאָריע פון דיספּראָפּאָרציאָנאַליטעט קען ניט געבן קיין ענטפער צו די פראַגן.

די קריזיסן ווערן פאַראורזאַכט, ווי מיר וועלן זען שפּעטער, פון די זייער פיל טיפערע ווידערשפּרוכן פונם קאַפּיטאַליזם, וועלכע דריקן זיך אויס אין פיל פאָרמען.

איינע פון אָט די פאָרמען, וועלכע איז ווייט ניט די הויפּט אורזאַך פונם קריזיס, באַשטייט אין דער וואַקסנדיקער דיספּראָפּאָרציע (וועלכע עקזיס־טירט שטענדיק אונטערן קאַפּיטאַליזם) צווישן די צווייגן פון דער אינדוס־טריע ביז זי דערגרייכט אַ פּונקט ווען זי (די דיספּראָפּאָרציע) קען זיך בלויז אויסגלייכן דורך אַן אַלגעמיינעם קריזיס. די פאַלשקייט פון טוגאַן־באַראַ־נאָווסקים טעאָריע שטאַמט פון דעם פאַקט, וואָס ער פּרובירט דערקלערן די קריזיסן איינזייטיק דורך דער ניט־גלייכהייט צווישן די פאַרשיידענע צווייגן פון דער פּראָדוקציע, און וואָס די ניט גלייכהייט איז באַטראַכט איזאָלירט פון די ווידערשפּרוכן צווישן אָרעמקייט און רייכקייט און אַזוי אַרום ווערט זי ניט באַטראַכט אַלס אַ פאָרמע פון אַ קאַפּיטאַליסטישער דער־שיינונג. לויט דער טעאָריע, זיינען קריזיסן בלויז אַ רעזולטאַט פון אַ טעות אין רעכענען, וואָס איז לחלוטין אַלצאיינס צי ס'געשעט אין אַ קאַפּיטאַליס־טישער, סאָציאַליסטישער, אָדער וועלכער עס איז אַנדערער אָרדנונג.

ניט קוקנדיק אַף איר גאַנצער פלאַכקייט, האָט די דאָזיקע טעאָריע אַ גרויסן דערפאָלג צווישן די רייען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

דאָס איז אויך פאַרשטענדלעך. אויב קריזיסן ווערן דערקלערט דורך די טעותן אין דער אויסגלייכונג צווישן די פאַרשיידענע צווייגן פון דער פּראָדוקציע, איז דאַמאָלסט לייכט צו באַווייזן, אַז די קריזיסן קען מען ביי־קומען אונטערן קאַפּיטאַליזם. אויב די אַרבעטער זאָלן ווערן איבערצייגט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט, מיט דער הילף פון אַן אַקטיווער „סאָציאַליס־טישער" פּאָליסי, און דורך דער עטאַבלירונג פון דער אינדוסטריעלער דע־מאָקראַטיע, קען ברייננגען ענדערונגען אין דער פאַרטיילונג פונם קאַפּיטאַל איבער די אינדיווידועלע צווייגן פון דער פּראָדוקציע און דורכדעם עטאַב־לירן דעם גלייכגעוויכט אין די צווייגן פון דער עקאָנאָמיע — אויב עמעצער איז טאַקע איבערצייגט אין דעם, ווי זשע קען ער נאָך צווייפלען אַז קרי־זיסן קענען, אין אמת'ן, אָפּגעשאַפט ווערן אונטערן קאַפּיטאַליזם?

ג. די טעאָריע פון אונטער־פאַרברויך

אַן אַנדער טענדענץ קען מען באַמערקן אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער ליטעראַטור וועגן קריזיסן, די אַזוי גערופענע טעאָריע פון אונטער־פאַרברויך, וועלכע איז ניט ווייניקער ווי די ערשטע צוגעפּאַסט צו די אויפגאַבן פון זייער פּראַקטיק.

בשעת די וואָרצלען פון דער דיספּראָפּאָרציאָנאַליטעט־טעאָריע שטאַמען פון דער לערע פון דעם „פּלאַכן" (ווי מאַרקס האָט אים גערופן) סעי, וואָס האָט אַנטוויקלט*) די אידייע פון דער האַרמאָניע צווישן דער קאַפּיטאַליסטי־שער פּראָדוקציע, און וועלכע איז נאָך אָפּגעלאַכט געוואָרן פון מאַרקסן, איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טעאָריע פון אונטער־פאַרברויך בלויז אַ

*) סעי, צום ביישפּיל, האָט אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז אונטערן קאַפּיטאַ־ליזם מוז דאָס קויפן שטענדיק באַלאַנסירן מיט דעם פאַרקויפן און אַזוי אַרום וועט די נאָכפראַגע קיינמאָל ניט בלייבן הינטערשטעליק פון אָנבאָט, און אַלגעמיינע קריזיסן וועלן, דעריבער, זיין אוממעגלעך.

צווייטע אויפלאַגע פון דער דערקלערונג פון קריזיסן, וואָס ווערט פאַר־טיידיקט פון דעם קליין־בירגערלעכן עקאָנאָמיסט סיסמאָנדי (1773־1805), אַ דערקלערונג וועלכע איז פּונקט אַזוי צוריקגעוויזן געוואָרן פון מאַרקס.

סיסמאָנדי איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די אור־זאַך פון דעם קריזיס שטאַמט פון דעם, וואָס דער פאַרברויך איז הינטער־שטעליק צו דער פּראָדוקציע.

כאָטש מאַרקס פלעגט בסדר אויפדעקן די פאַלשקייט פון דער סיס־מאָנדער אויסטייטשונג פון קריזיסן, זיינען אָבער נאָך דאָ אַזוינע „דיינ־קער", וועלכע ניט נאָר באַמערקן זיי ניט דעם פונדאַמענטאַלן אונטערשייד צווישן די מאַרקסיסטישע און סיסמאָנדער קריזיס־טעאָריעס, נאָר זיי שטעלן נאָך פאָר די טעאָריעס פון סיסמאָנדן און ראָדבערטוסן אַלס מאַרקסעס טעאָריע.

קאַרל קאַוטסקי האָט געמאַכט אייניקע פאַרזוכן אין זיינע פריערדיקע ווערק צוצופּאַסן די קריזיס־טעאָריעס פון מאַרקסן צו די טעאָריעס פון סיסמאָנדן און ראָדבערטוסן. ער האָט אַזוי אַרום געשריבן צום ביישפּיל, אין דעם אַרטיקל וועגן קריזיסן, וואָס איז שוין פריער ציטירט געוואָרן:

„די קריזיסן שטאַמען *** פון 'אונטערפאַרברויך' *** מאַרקס און ענגעלס האָבן אויך געדיינקט אַז די לעצטע אורזאַך פון די קריזיסן ליגט *** אין אונטער־פאַרברויך." („נייע צייט", 1902, באַנד 2, זייטן 78 און 79).

די דערקלערונג פון קריזיסן דורך אונטער־פאַרברויך איז אין פריער־דיקע יאָרן געווען ברייט פאַרשפּרייט צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קריזיסן, און זייער אָפט פלעגט איינער און דערזעלבער אויטאָר אין איין פּלאַץ דערקלערן די קריזיסן דורך הילפערדינגס דיספּראָפּאָרציאָנאַליטעט־טעאָריע און, אין אַ צווייטן פּלאַץ, דורך אונטער־פאַרברויך (צום ביישפּיל נאַפּטאַלי און אַנדערע). *)

די גאַנצע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טעאָריע וועגן הויכן לוין (מיט דער הילף פון וועלכער די קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיע קען זיך באַוואָ־רענען קעגן קריזיסן אַ דאַנק דעם פאַרגרעסערטן פאַרברויך) האַלט זיך אַף דער דערקלערונג וועגן קריזיסן דורך אונטער־פאַרברויך.

די אונטער־פאַרברויך טעאָריע (פּונקט ווי די דיספּראָפּאָרציע־טעאָריע) דערקלערט ניט די קריזיסן לויט דער ספּעציפישער נאַטור פון דעם קאַפּי־טאַליזם, און אויך ניט לויט די פונדאַמענטאַלע קאַפּיטאַליסטישע ווידער־שפּרוכן, ווייל דער אונטער־פאַרברויך פון די מאַסן האָט אויך עקזיסטירט אין די פאַר־קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטן, אָבער קריזיסן זיינען כאַראַק־טעריסטיש נאָר פאַרן קאַפּיטאַליזם.

און דערפאַר האָט ענגעלס געשריבן:

„אויב, דאַן, דער אונטערפאַרברויך איז געווען אַ כסדרדיקע דערשיינונג

*) ס'איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז קאַוטסקי אַליין האָט אַנטוויקלט היל־פערדינגס באַגריף, ווי צום ביישפּיל אין דער 25סטער אויפלאַגע פון זיין „עקאָנאָמישע לערע" (זייט 251) וועלכע איז דערשינען אין 1930.

פאר טויזנטער יאָרן, בשעת דער אלגעמיינער שטילשטאנד פון מסחר דורכן קריזיס וועלכער ברעכט אויס אלס א רעזולטאט פון איבער־פּראָדוקציע איז בלויז א דערשיינונג פון די לעצטע 50 יאָר, פאָלגט דאָן, אז די וואול־גארע עקאָנאָמישע אויסגעדראָשנקייטן פון הער דוהרינג (צו וועמען מיר מוזן איצט צושטעלן קאוטסקין און אנדערע סאָציאַל־דעמאָקראטן — רעד.) מוזן דערקלערן די נייע צוזאמענשטויסן ניט פון דער נייער דערשיינונג פון איבער־פּראָדוקציע, נאָר פון דעם טויזנטער־יאָרן־אלטן־אונטער־פאר־ברויך." (ענגעלס, „הערן יודזשין דוהרינגס אומוועלצונג דער וויסנשאפט", בערלין, 1923, זייטן 307 און 308.)

אחוץ דעם, דאָס ארויסדרינגען, אַז די קריזיסן שטאַמען פון אונטער־פארברויך דערקלערט גאָרניט און ס'פאָדערט זיך ערשט איצטער אַ צווייטע דערקלערונג. ווייל די טעאָריע פון אונטער־פארברויך דערקלערט די קרי־זיסן צוליב די אומשטענדן, וואָס דער פארברויך איז הינטערשטעליק פון דער פּראָדוקציע און אַז די נאָכפראַגע גייט דעריבער ניט טריט ביי טריט מיטן אָנבאָט. אָבער פארוואָס געשעט אַזאַ מין שארפע דיספּראָפּאָרציע צווישן נאָכפראַגע און אָנבאָט אין באַשטימטע צייטן? די טעאָריע פון אונטער־פארברויך קען ניט געבן קיין שום ענטפער צו דער דאָזיקער פראַגע.

דער לוין און דער פארברויך פון די אַרבעטער־מאַסן פארגרעסערט זיך אין די פאָר־קריזיס פעריאָדן. ווי אַזוי זשע קען אונטער־פארברויך זיין די אורזאך פון קריזיסן?

און דערפאַר האָט מאַרקס אַזוי שארף קריטיקירט די סיסמאָנדער קריזיס־טעאָריע:

„ס'איז פשוט א ניט נויטיקע ווידערהאָלונג צו זאָגן, אז קריזיסן ווערן פאראורזאכט צוליב דעם מאנגל אין צאָלנדיקע פארברויכער, אָדער א מאנגל אין באצאָלטן פארברויך. די קאפּיטאליסטישע סיסטעם ווייסט ניט קיין אנדערע פאָרמען פון פארברויך, נאָר אזא וואָס צאָלט זיך *** אויב א וואָסערע ס'ניט איז סחורות זיינען ניט פארקויפבאר, מיינט דאָס, אז ס'געפינען זיך ניט גענוג צאָלנדיקע קונים, אין אנדערע ווערטער, פאר־ברויכער *** אָבער אויב עמיצער וואָלט געוואָלט באקליידן די דאָזיקע ווידערהאָלונג מיט אן אויסזען פון א טיפערער בארעכטיקונג, דורך דעם וואָס ער וועט זאָגן, אז דער ארבעטער קלאס באקומט זייער א קליינע פּאָרציע פון זיין אייגענעם פּראָדוקט און דער איבל וואָלט געקענט פארמילדערט ווערן, דורכדעם וואָס מען וועט זיי געבן א גרעסערן חלק פון דעם אָדער דורך דעם וואָס מען וועט פארגרעסערן זייערע שכירות, וועלן מיר ענטפערן אז קריזיסן קומען גלייך נאָך א פעריאָד אין וועלכן דער לוין ווערט גע־וויינלעך פארגרעסערט און דער ארבעטער קלאס קריגט פאקטיש א גרעסערן חלק פון דעם יערלעכן פּראָדוקט, וועלכער איז באשטימט פארן פארברויך."
(מארקס, „קאפּיטאל", באנד 2, זייט 475־476.)

און דאָך ניט קוקנדיק אַף דער באַשיינפּערלעכער אומלאָגישקייט, האָט די טעאָריע פון אונטער־פארברויך געוואונען אַ פעסטן באָדן אין די פילע

סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ווערק איבער דעם געגנשטאַנד. דאָס איז אויך פאַרשטענדלעך. לעניןֹ האָט געשריבן אַז די מאַרקסיסטישע קריזיס טעאָריע זוכט די אורזאַך פון די קריזיסן אין דעם צושטאַנד פון פּראָדוקציע, בשעת די אונטער־פאַרברויך טעאָריע זעט די וואָרצלען פון דעם אויסער דער פּראָדוקציע (און פון דעם נעמט זיך, צום ביישפּיל, די אַלגעמיינע אַטאַקעס פון סיסמאָנדן געגן די קלאַסיקער, דערפאַר ווייל זיי איגנאָרירן פאַרברויך און באַהאַנדלען נאָר די פּראָדוקציע).

אַזוי ווייט ווי די קריזיסן, לויט אַט דעם באַגריף, ווערן דערקלערט דורך דער הינטערשטעליקייט פונם פאַרברויך, ווערן די קאַפּיטאַליסטישע באַציאונגען פון דער פּראָדוקציע ניט גענומען ווי דער אַרויסגאַנג־פּונקט, נאָר עס ווערט גענומען בלויז די פּאַרטיילונג פון דעם איינקונפט. אַף אַזויפיל ווי זיי ווערן דערקלערט דורך דער הינטערשטעליקייט פון דער נאָכפראַגע, באַטראַכט בלויז פאַר זיך אַליין, ווערט די גאַנצע אונטערזוכונג פון די קריזיסן אַרויסגענומען פון דער ספערע פון פּראָדוקציע און ווערט טראַנספערירט צו דעם מאַרק און צו די אויסטויש־באַציאונגען. פאַרטיילונג און אויסטויש ווערן פאַראורזאַכט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע און זיי זיינען איר אונטערוואָרפן. און דערפאַר האָט לענין געשריבן:

„עס שטעלט זיך אַ פראַגע: ליקנט אָפּ די צווייטע טעאָריע (די מאַרקסיסטישע טעאָריע — רעד.) דעם פאַקט פון דעם ווידערשפּרוך צווישן דער פּראָדוקציע און דעם פאַרברויך? פאַרשטייט זיך, אַז ניט. זי אַנער־קענט פולשטענדיק דעם פאַקט, אָבער זי שטעלט אים אוועק אין געהעריקן אונטערגעוואָרפענעם פּלאַץ. זי לערנט אַז דער פאַקט קען ניט דערקלערן די קריזיסן, וועלכע ברעכן אויס צוליב אַ טיפערן און גרינטלעכערן ווידער־שפּרוך, וואָס איז אייגנטימלעך צו דער מאָדערנער עקאָנאָמישער סיסטעם***“ (לענין, זייט 195.)

די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זעען דעם גאַנצן איבל פון דער קאַפּיטאַליס־טישער סיסטעם אין די דעפעקטן פון איר צירקולאַציע און דער פּאַרטיילונג פונם איינקונפט, אָבער זיי זעען עס ניט אין דעם כאַראַקטער פון דער קאַפּי־טאַליסטישער פּראָדוקציע גופא. און דאָס איז די אורזאַך, פאַרוואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פאַרטיידיקן די אונטער־פאַרברויך טעאָריע. זיי ווילן איינהאַמערן אין די קעפּ פון די אַרבעטער דעם געדאַנק, אַז אפילו מיט דער אָנהאַלטונג פון די קאַפּיטאַליסטישע פאַבריקן און אַנדערע אונטער־נעמונגען קען פאַרווירקלעכט ווערן אַן אויסבעסערונג אין דער סיסטעם, און דער רעזולטאַט וועט זיין דער אָנפאַנג פון אַ גליקלעכער עפּאָכע פאַרן פּראָלעטאַריאַט. ניט קיין אַנדערער, ווי טאַרנאָוו, דער הויפּט־רעדנער אַפן לעצטן (לייפּציג) קאָנגרעס פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (יוני 1931), האָט ניט לאַנג צוריק (1928) אָפּגעדרוקט אַ פּאַמפלעט נאָך וואָס זיין אָרעס, אין וועלכן ער האָט פאַרזיכערט די אַרבעטער, אַז זיי קענען דערגרייכן דאָס אָפּשאַפן פון זייער אָרעמקייט אונטערן קאַפּיטאַליזם. די דאָזיקע טעאָריע, דער ציל פון וועלכער ס׳איז געווען איבערצייגן די אַר־בעטער, אַז ס׳איז ניטאָ קיין שום נויטווענדיקייט אָפּצושאַפן דאָס קאַפּי־טאַליסטישע אייגנטום, „שווייגט“ אַבזיכטלעך וועגן דעם פאַקט, אַז די

פאַרטיילונג פון דעם פּראָדוקט הייגנט אָפּ אָן דער פאַרטיילונג פון דעם אייגנטום און די מיטלען פון דער פּראָדוקציע ; אַז דער מאָדוס פון דער פאַרטיילונג איז, אַזוי אַרום, פאַראויסבאַשטימט דורך דעם מאָדוס פון דער פּראָדוקציע.

די דאָזיקע טעאָריע דערשיינט אין ענגלאַנד אין פאַרשיידענע און פאַרדרייטע פאָרמען. ווי זי איז אַנטוויקלט געוואָרן פון דזש. א. האָבסאָן, שטרייכט זי אונטער ספּעציעל די איבער־אינוועסטירונג אין מאַשינעריע צוליב דעם וואָס די רייכע קריגן צופיל באַצאָלט.

ג. ד. ה. קאָול און זיין גרופּע שטייען זייער נאָענט צו דער טעאָריע. מיט דער אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטיי נעמט דאָס אָן די פאָרמע (אָדער ס'האָט אָנגענומען אין 1931) פון א פּלאַן צו העכערן דעם סטאַנדאַרד פון לעבן „צו אַמווינציקסטן א מינימום פון ציוויליזאַציע". אָבער ווי ברעילספאָרד האָט איינמאָל אין א מאָמענט פון אָפנהערציקייט געזאָגט, האָבן די געדאַנקען

„א געוויסע טעאָרעטישע באַדייטונג. מען ווייסט זייער גוט, אַז זיי וועלן ניט אַדאָפּטירט ווערן".

מען האָפט, וואָלט מען געמעגט צוגעבן, אַז די אַרבעטער וועלן פון די דאָזיקע אידייען אָוועקגעצויגן ווערן פון די מאַרקסיסטישע עקאָנאָמיע און פּאָליטיק. *)

די סאָציאַל־דעמאָקראַטן גיבן געוויינלעך אָן, אַז מאַרקס האָט ניט אויסגעאַרבעט די פּראָבלעם פון קריזיסן. נאַפטאַלי שרייבט, צום ביישפּיל :

„קאַרל מאַרקס האָט, אומגליקלעכערווייזע, אונז ניט איבערגעלאָזט קיין שום טעאָריע וועגן קריזיסן." („עקאָנאָמישע קריזיסן און אַרבעטס־לאָזיקייט", זייט 11.)

ס'איז ניטאָ קיין צווייפל, אַז קאַרל מאַרקס האָט ניט אָנגעשריבן קיין טעקסט־בוך וועגן קריזיסן פאַר די הערן סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אָבער מאַרקס האָט כסדר אָנגעוויזן דעם עסענץ פון די קאַפּיטאַליסטישע קריזיסן. מאַרקס האָט דערקלערט די הויפּט וויכטיקע פּונקטן, וואָס זיינען נויטיק פאַר דער פאַרשטענדעניש וועגן קריזיסן, מיט ניט קיין ווינציקער פול־שטענדיקייט, ווי די אַנדערע פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

אויב מאַרקס האָט, אינאַמתן, ניט קאָנצענטרירט זיין קריזיס טעאָריע אין איין פּלאַץ, און ער האָט אריינגעפּלאָכטן זיין באַגריף וועגן קריזיסן אין אַלע אָפּטיילונגען פון זיינע עקאָנאָמישע לערעס, קען דאָס הויפּט־זעכלעך דערקלערט ווערן דורך דעם פאַקט, וואָס מאַרקס וועלכער האָט באַטראַכט די קריזיסן ווי אַן אויסדרוק פון אַלע ווידערשפּרוכן פונם קאַ־פּיטאַליזם, איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז קריזיסן אין

---

*) די פאַרשיידענע טעאָריעס וועגן קריזיס, ווי זיי ווערן דערקלערט אין זייער בריטישער פאָרמע, די בורזשואַזע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, זיינען אַנאַליזירט אין בוירנס „דער קריזיס : דער איינציקער אויסוועג", לאָרענס, אינ־טערנעשאָנאַל פּאָבלישערס, 50 סענט.

זייער אַנטוויקלטער פאָרמע זיינען שוין אַנטהאַלטן אין דער איינפאַכסטער צעל פון דער בורזשואזער פּראָדוקציע — די סחורה:

„אין דער ווערט־פאָרמע פון דער סחורה איז אנטהאלטן דאָס קערנדל פון דער גאנצער קאפּיטאַליסטישער פאָרמע פון פּראָדוקציע, דער אנטאגאָ־ניזם צווישן קאפּיטאַליזם און לוין ארבעטער, די אינדוסטריעלע רעזערוו ארמיי, די קריזיסן.“ (ענגעלס, „הערן יודזשין דוהרינגס אומוועלצונג דער וויסנשאפט“, בערלין, 1923, זייט 336.)

אָט פאַרוואָס מאַרקס האָט שוין אַנטוויקלט זיין טעאָריע וועגן קריזיסן אין זיין אַנאַליז פון סחורות, און האָט באַטראַכט די קריזיסן אין זייער אומצושיידבאַרער פאַרבינדונג מיט יעדער איינער פון די קאַטעגאָריעס פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע, וועלכע ער האָט אויסגעפאָרשט.

מיט דער באַהויפּטונג, אַז מאַרקס האָט ניט באַזאָרגט קיין פאַרענ־דיקטע קריזיס־טעאָריע האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אַ באַשטימטן ציל צו באַזאָרגן זיך אַליין מיט אַ גוטן אויסרייד, און אַליין אויסצואַרבעטן „נייע טעאָריעס“.

1) וואָס איז דער אַלגעמיינער טעאָרעטישער פונדאַמענט פון די בורזשואזע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קריזיס־טעאָריעס?

2) פאַרוואָס איז די אונטער־פאַרבראַוך טעאָריע פון קריזיסן אַ פאַלשע?

3) פאַרוואָס איז די דיספּראָפּאָרציע־טעאָריע פון קריזיסן אַ פאַלשע?

4) אין וואָס באַשטייט דער אַנטימאַרקסיסטישער כאַראַקטער פון אָט דיביידע טעאָריעס?

IV די מאַרקסיסטישע קריזיס טעאָריע

1. די מעגלעכקייט פון קריזיסן

מאַרקס באַטראַכט די קריזיסן אַלס דער אויסדרוק פון אַלע ווידער־שפּרוכן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן מאָדוס פון פּראָדוקציע.

„אַלע ווידערשפּרוכן פון דער בורזשואזער פּראָדוקציע קומען קאָלעק־טיוו צו אַן אויסברוך אין די אַלגעמיינע קריזיסן אף דעם וועלט־מאַרק.“ (מאַרקס, „טעאָריעס וועגן מער־ווערט“, באַנד 2, טייל 2, זייט 318.)

מאַרקס האָט, דעריבער, באַטראַכט די קריזיסן אין דער פיל־זייטיקייט פון זייערע ענדערונגען און אויסדרוקן. ער האָט אַנאַליזירט די פיל־זייטיקע מאָמענטן, וועלכע קריזיסן קענען אַרויסרופן און האָט באַוויזן ווי קריזיסן אַנטוויקלען זיך אין אַלע ספערן און פאָרמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע.

א. די מעגלעכקייטן פון קריזיסן אַלס אַן אויסדרוק פון דעם ווידערשפּרוך אין סחורות

מאַרקס געפינט די אַלגעמיינע מעגלעכקייט פון קריזיסן אין דעם פאַקט, וואָס די פּראָדוקטן ווערן פּראָדוצירט אַלס סחורות.

„אין דעם פאַל פון אַ דירעקטן טויש־האַנדל איז די פּראָדוקציע פון דעם פּראָדוצירערס זייט הויפּטזעכלעך געצילט צו באַפרידיקן זיינע אייגענע

נויטן אָדער מיט דער עטוואָס ברייטערער אנטוויקלונג פון פארטיילונג פון ארבעט, איז זי אויך געצילט פאר די נויטן פון די מיט־פּראָדוצירער, וואָס זיינען אים באקאנט. בלויז דער איבערפלוס ווערט אויסגעטוישט אלס סחורות, און צי דער איבערפלוס ווערט אויסגעטוישט, אָדער ניט, איז ניט וויכטיק. אין פאל פון סחורה־פּראָדוקציע, איז די פארוואנדלונג פון דעם פּראָדוקט אין געלט, דאָס פארקויפן, דער הויפּט באדינג; די דירעקטע פּראָ־דוקציע פאר אייגענע נויטן פאלט אוועק. מיט דעם ניט־פארקויפן האָבן מיר די קריזיסן." *) (מארקס, „טעאָריעס וועגן מער־ווערט", באנד 2, טייל 2, זייט 281.)

אַף אַזויפיל ווי די געזעלשאַפט פּראָדוצירט די פּראָדוקטן אַלס סחורות, דאָס מיינט, ווי מיר האָבן פאַר זיך אַ סחורה עקאָנאָמיע, איז די מעגלעכ־קייט פון קריזיס שוין אַנטהאַלטן אין דער סאַמע סחורה־נאַטור פון דער געזעלשאַפט, ווייל יעדע סחורה מוז אויסגעטוישט ווערן פאַר געלט. דער איינגנטימלעכער אַנטאַגאָניזם פון געברויך־ווערט און ווערט, וועלכע זיינען אַנטהאַלטן אין דער סחורה, געפינט זיין אויסדרוק אין דער צעשיידונג פון דער סחורה־וועלט און דער וועלט פון געלט. אין אַ סחורה געזעלשאַפט

„קען קיינער ניט פארקויפן, אויב עמיצער קויפט ניט". (מארקס, „קאפּיטאל", באנד 1, זייט 128.)

דאָס קויפן און דאָס פאַרקויפן קען ניט עקזיסטירן איינער אָן דעם צווייטן; זיי בילדן אַן אינערלעכע איינהייט:

„אָבער קיינער איז באלד אפּן אָרט ניט פארפליכטעט צו קויפן, דער־פאר ווייל ער האָט ערשט פארקויפט". („קאפּיטאל", זייט 127.)

דאָס קויפן און פאַרקויפן זיינען אַזוי אַרום אין דער זעלבער צייט אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן. דער ברוך צווישן פאַרקויפן און קויפן אין סחורה אויסטויש

„אנטוויקלט א גאנצע נעץ פון געזעלשאפטלעכע באציאונגען, וועלכע זיינען ספּאָנטאַן אין זייער וואוקס און זיינען פולשטענדיק אויסערן קאָנטראָל פון די באטייליקער. בלויז ווען דער פארמער האָט פארקויפט זיין ווייץ קריגט דער וועבער די מעגלעכקייט צו פארקויפן זיין לייוונט. נאָר ווען דער וועבער האָט פארקויפט זיין לייוונט, האָט אונזער ליידנשאפטלעכער בוך־הענדלער די מעגלעכקייט צו פארקויפן זיין ביבל, און נאָר ווען דער לעצטער האָט פארקויפט דאָס וואסערל פון דעם אייביקן לעבן, האָט דער וויין־שיינקער די מעגלעכקייט צו פארקויפן דאָס וואסערל פון לעבן און אזוי ווייטער און ווייטער." (מארקס, „קאפּיטאל", זייט 162, אמעריקאנער אויפלאגע.)

אין אויב דער פויער קען ניט פאַרקויפן זיין ווייץ, קען ער אויך ניט

---

*) דירעקטער טויש־האנדל איז די פּריסטע עפּאָכע פון אויסטויש, אין וועלכער די די הויפּט מאסן פון די פּראָדוקטן ווערן אויסגעארבעט פאר די דירעקטע נויטן און בלויז אן איבערפלוס פון זיי דערשיינט ווי סחורות, וועלכע ווערן דירעקט אויסגעטוישט פאר אנדערע סחורות.

קויפן קיין לייוונט; אָבער דאָס מיינט, אַז דער אייגנטימער פון דער לייוונט קען ניט מער זיין קיין קויפער פון דער ביבל. אָבער אויב, פאַרקערט, דער פויער פאַרקויפט זיין ווייץ און דאַך האַלט ער זיך אָפּ פון צו קויפן די לייוונט אָדער אַנדערע סחורות, און האַלט ביי זיך דעם ווערט, וואָס איז אריינגערעכנט אין דער ווייץ אין אַ געלט־פאָרמע, וועט תיכף פאָרקומען אַ ברוך צווישן דעם קויפן און פאַרקויפן. און ווען אַלס אַ רעזולטאַט פון דער אויסטויש־אָפּהייגניקייט פון אַלע אַקטן פון פאַרקויפן און קויפן, ווערט די צעשיידונג אַן אַלגעמיינע און ציט זיך אויס איבער דער גאַנצער קייט פון אויסטויש־באַציאונגען, ברעכט דאַמאָלסט אויס אַ קריזיס.

דאָ אָבער, באַהאַנדלען מיר פּשוט די מעגלעכקייט פון אַ קריזיס. אָבער קריזיסן מוזן ניט אומבאַדינגט אויסברעכן, ווייל דאָס קויפן קען נאָכפאָלגן דאָס פאַרקויפן דירעקט איינס נאָכן אַנדערן.

„די דאָזיקע מאָדוסן (דאָס הייסט, דאָס פאַרוואַנדלען פון סחורות אין געלט, און געלט אין סחורות — רעד.) שליסן איין, דעריבער, די מעג־לעכקייט און ניט מער ווי די מעגלעכקייט פון קריזיסן. די פאַרוואַנדלונג פון דער בלויזער מעגלעכקייט אין אַווירקלעכקייט איז דער רעזולטאַט פון לאַנגע סעריעס פון באַציאונגען, וואָס האָבן, פון אונזער איצטיקן שטאַנדפּונקט פון פּשוטער צירקולאַציע, נאָך ניט קיין עקזיסטענץ.“ (מארקס, „קאַפּיטאַל“, באַנד 1, זייט 128.)

ב. געלט אַלס אַ מיטל פון צאָלונג און די אַלגעמיינע מעגלעכקייט פון קריזיסן

די אַלגעמיינע מעגלעכקייט פון קריזיסן וואָס איז אייגנטימלעך אין דער סחורה פאָרם פון סאָציאַלער פּראָדוקציע, דערגרייכט איר ווייטערדיקע אַנטוויקלונג אין דער אויסשפּרייטונג פון קרעדיט און אין דער פונקציאָ־נירונג פון געלט, ווי דער מיטל פון צאָלונגען. (דאָס מיינט, סחורות ווערן פאַרקויפט, אָבער מען באַצאָלט דאָס געלט ערשט אין אַ געוויסער צייט, און דאַמאָלסט ערשט ווערט דער מסחר געשלאָסן. אַזוי אַרום פּילט אויס דאָס געלט די פונקציע פון קרעדיט.)

צווישן דער צייט פון דעם אָנפאַנג פון דעם קרעדיט־אַקט און ווען דאָס געלט ווערט פאַקטיש געצאָלט, קען די ווערט פון דער סחורה זיך ענ־דערן. די צאָלונג ווערט אַחוץ דעם, אַמאָל ניט געמאַכט אין צייט. די צעשיידונג צווישן קויפן און פאַרקויפן און די אומאָפּהייגניקייט איינער פון דעם אַנדערן ווערט נאָך אַמאָל אויפגעדעקט. דער פויער, צום ביישפּיל, קויפט 20 יאַרד לייוונט אַף דעם פּרייז פון 40 מאַרק. ער צאָלט אָבער ניט תיכף אויס דאָס געלט, ווייל ער האָט נאָך ניט פאַרקויפט זיין ווייץ, די ווערט פון וועלכן איז אויך 40 מאַרק. דער וועבער, פון זיין זייט, קויפט מאַשינעריע, פאַר וועלכער ער זאָגט צו אָפּצוצאָלן, נאָכדעם ווי ער וועט אָפּנעמען זיין געלט פונם פויער. אָבער אויב די ווערט פון דעם ווייץ ענדערט זיך אין דער צייט און דער פויער מוז דאָס פאַרקויפן פאַר ווייניקער ווי 40 מאַרק אָדער אויב ער קען גאָר אינגאַנצן ניט פאַרקויפן דעם ווייץ, קען ער פאַר־שטייט זיך דאַמאָלסט זיך ניט אָפּרעכענען מיטן וועבער. דער רעזולטאַט

איז, אז דער וועבער קען אויך ניט צאָלן דעם פאַבריקאַנט פון דער מאַשינעריע, און אַזוי ווייטער און ווייטער.

דער קרעדיט בינדט אין אַזאַ וועג אַלע סחורה־פּראָדוצירער, וועלכע נעמען אַנטייל אין קרעדיט אָפּעראַציעס, אין אַ קייט פון קעגנזייטיקער אָפּהיינגיקייט. דער רעזולטאַט פון דעם דורכרייס פון אַ וואָסער ס'ניט איז רינגעלע פון פינאַנציעלע פאַרפליכטונגען קען פאַראורזאַכן אַ צעטרייסלונג אין דער גאַנצער קייט, דאָס הייסט, אַ קריזיס קען אויסברעכן.

„דער שפּינער קען ניט באַצאָלן, ווייל דער וועבער קען ניט באַצאָלן; ביידע קענען ניט צאָלן דעם מאַשין־פאַבריקאַנט, וואָס קען ניט צאָלן פאַר דעם אייזן, געהילץ און צום קוילן־סוחר. אלע די קענען ניט נאָכקומען זייערע פאַרפליכטונגען, ווייל זיי האָבן ניט רעאַליזירט דעם ווערט פון זייערע סחורות *** און אַזוי אַרום ברעכט אויס אַן אַלגעמיינער קריזיס." (מאַרקס, „טעאָריעס וועגן מער־ווערט", באַנד 2, טייל 2, זייטן 284־285.)

„קריזיסן זיינען מעגלעך אָן דעם פונקציאָנירן פון געלט, אַלס אַ מיטל פון צאָלונגען. אָבער דאָס צווייטע (די קרעדיט־קריזיסן — רעד.) איז אוממעגלעך אָן דעם ערשטן (קריזיס־מעגלעכקייט — רעד.). דאָס מיינט, דאָס קויפן און פאַרקויפן פאַלן פאַנאַנדער." (זייט 288.)

די צווייטע מעגלעכקייט פון אַ קריזיס, וועלכער איז באַזירט אויף דער אויסברייטערונג פון קרעדיט, שטעלט מיט זיך פאָר אַ ווייטערע אַנטוויקלונג פון מעגלעכקייטן פאַר קריזיסן. די מעגלעכקייטן פון קריזיסן, וואָס זיינען אייגנטימלעך אין דעם ווידערשפּרוך פון סחורות, קענען אויסברעכן פיל גרינגער און פיל גיכער מיט דער אַנטוויקלונג פון קרעדיט־אָפּעראַציעס. אָבער אויך דאָ מוזן ניט די קריזיסן אומבאַדינגט אויסברעכן. אָט פאַרוואָס מאַרקס באַטראַכט אויך די צווייטע פאָרמע פון קריזיסן בלויז אַלס אַ מעגלעכקייט, אמת אַלס אַ מער אַנטוויקלטער פאָרמע ווי די ערשטע, אָבער דאָך אַ פאָרמע, וועלכע פאַראורזאַכט נאָך ניט די אומפאַרמיידלעכקייט פון קריזיס.

ג. די אַנטוויקלונג פון מעגלעכקייט פון קריזיסן אין דער באַוועגונג פון קאַפּיטאַל.

„קיין שום קריזיס קען ניט עקזיסטירן ווען דאָס קויפן און פאַרקויפן ווערן ניט צעשיידט און גייען ניט אריין אין ווידערשפּרעכונגען איינער צום צווייטן." (זייט 285.)

קאָמערץ דורך דירעקטן טויש־האַנדל אַנטהאַלט ניט (ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט) אין זיך גופא די מעגלעכקייט פון אַ קריזיס.

„מיר האָבן קיינמאָל ניט געהערט, אַז די אור־אַלטע מיט זייער שקלאַפן־פּראָדוקציע זאָלן האָבן געוואוסט פון קריזיסן, כאָטש אפילו צווישן זיי זיינען געווען פאַלן פון אינדיווידועלע פּראָדוצירער, וועלכע האָבן באַנקראָטירט." (אין זעלבן, זייט 277.)

איינפאַכע סחורה־עקאָנאָמיע אָבער אַנטהאַלט שוין אין זיך גופא די אַלגעמיינע מעגלעכקייט פון אַ קריזיס.

„די איינפאכע צירקולאציע פון געלט און אפילו די צירקולאציע פון געלט אלס א מיטל פון צאָלונגען (און ביידע האָבן עקזיסטירט לאנג פאר דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע אָן קריזיס דערשיינונגען) זיינען מעג־לעך און זיי האָבן טאקע עקזיסטירט אָן א קריזיס.“ (אין זעלבן, זייט 285.)

ס'איז נאָר די טראנספאָרמאציע פון איינפאכער סחורה־פּראָדוקציע אין קאפיטאליסטישער עקאָנאָמיע, וועלכע באשאפט די באדינגונגען אונ־טער וועלכע די מעגלעכקייט פון א קריזיס, וועלכע האָט עקזיסטירט אין דעם סקעלעט פון פשוטער סחורה־עקאָנאָמיע, ווערט אומפארמיידלעך פאר־וואנדלט אין א ווירקלעכקייט.

אָט אזוי אנטוויקלט זיך די קאפיטאליסטישע עקאָנאָמיע און פאר־גרעסערט די מעגלעכקייטן פון די קריזיסן.

„די אנטוויקלטע ווידערשפּרוכן אין דער סחורה־צירקולאציע, און ווייטער, אין דער געלט צירקולאציע (און דורכדעם די מעגלעכקייט פון קריזיסן) רעפּראָדוצירן זיך אליין דורך זיך אליין אין קאפיטאל, אין וועלכן אנטוויקלטע סחורה־צירקולאציע און געלט־צירקולאציע קומען טאקע פאָר בלויז אפן באזיס פון קאפיטאל.“ (אין זעלבן, זייט 286.)

און טאקע, ווען אַן אָפּשפּאַלטונג געשעט צווישן דעם פארקויפן און קויפן אין איינפאכער סחורה־עקאָנאָמיע, וועט אזא שפּאַלטונג זיין באַ־גרענעצט צו א שמאָלער מארק־ספערע און וועט זיך ניט פארשפּרייטן אין אַלגעמיין.

אָבער דאָס איז גאנץ אנדערש אונטערן קאפּיטאַליזם. דער קאַפּי־טאַליזם, וועלכער פארוואנדלט אויך אַרבעטס־קראַפט אין א סחורה, פירט דורכדעם צו אַן אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון א סחורה און געלט־עקאָנאָ־מיע. דער קאַפּיטאַליזם אַנטוויקלט א קאָלאָסאַלע קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע, וועלכע פארוויקלט זיך אין גרויסע און אין קליינע ספּעציאַ־ליזירטע אונטערנעמונגען. אָט פאַרוואָס אַלע זעלבסטשטענדיקע עקאָנאָ־מישע איינסן (יוניטס) וועלכע ווערן צעשפּאָלטן אונטערן קאַפּיטאַליזם, דורך פּריוואַט־אייגנטום און דורך ווייט־גייענדיקער פאַרטיילונג פון אַרבעט, זיינען אזוי איינג פאַרבונדן איינער מיטן אַנדערן, אַז יעדער איינער פון די דאָזיקע עקאָנאָמישע איינסן איז אָפּהייננגיק פון אַלע איבעריקע. א וועבעריי אונטערנעמונג איז אָפּהייננגיק פון א באַוול־פּלאַנטאַציע און א מאַשין־פאַב־ריק, די מאַשין־פאַבריק איז אָפּהייננגיק פון די שמעלץ־אויוונס זאַוואָדן, די שמעלץ־אויוונס זאַוואָדן פון די קוילן גריבער און אזוי ווייטער. און ווייטער, און פאַרקערט. אָט פאַרוואָס די אַלגעמיינע אָדער אַבסטראַקטע (ווי מאַרקס האָט דאָס גערופן) מעגלעכקייט פון א קריזיס, וועלכע איז אַנט־האַלטן אין דעם ווידערשפּרוך צווישן דעם פאַרקויפן און קויפן, קען זייער לייכט פאַרוואַנדלט ווערן אין א ווירקלעכקייט.

ווייטער, ווען קרעדיט, ווי אויך קעגנזייטיק טוישבאַרע חובות און פאַרפּליכטונגען אַנטוויקלען זיך ברייט און ווערן איינג אויסגעמישט איי־נער אין אַנדערן אונטער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, באַמערקט מאַרקס:

„ווי ווייט ס'באַציט זיך אַף דער מעגלעכקייט פון א קריזיס, וואָס וואַקסט אַרויס פון דער פאָרמע פון געלט אלס מיטלען פון צאָלונגען, ווייזט

זיך ארוים דער באזיס פאר דער פארווירקלעכונג פון דער מעגלעכקייט צו זיין מער רעאל אין קאפיטאל." (אין זעלבן, זייט 284.)

פאָלגלעך, ווערן די מעגלעכקייטן פון קריזיסן, וועלכע זיינען שוין אנטהאַלטן אין דעם סקעלעט פון איינפאַכער סחורה־צירקולאַציע, רעפּראָדוצירט און אַנטוויקלט

„אין וועלכע די מעגלעכקייט קען זיך אנטוויקלען אין א ווירקלעכ־קייט". (אין זעלבן, זייט 285.)

2. די אומפאַרמיידלעכקייט פון קאַפּיטאַליסטישע קריזיסן

אָבער פאַרוואָס אַנטוויקלט זיך די מעגלעכקייט פון קריזיס אין אַן אומ־פאַרמיידלעכקייט אונטערן קאַפּיטאַליזם ?

אָבער פאַרוואָס קומט אָן אַ נויטווענדיקער ברוך אין באַשטימטע פּעריאָדן צווישן פאַרברויך־ווערט און ווערט, צווישן סחורה און געלט, צווישן פּראָדוקציע און צירקולאַציע, צווישן פאַרקויפן און קויפן, צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט ?

מיר האָבן שוין געזאָגט אַז קאַפּיטאַליסטישע קריזיסן זיינען קריזיסן פון איבערפּראָדוקציע. אָבער דאָס איז בלויז אַ באַשרייבונג פון דעם זעבאַרן קורס פון מאָדערנע קריזיסן. וואָס ס'דאַרף דערקלערט ווערן, איז פאַרוואָס קומט פאַר אונטערן קאַפּיטאַליזם אומפאַרמיידלעך אַן איבער־פּראָדוקציע אין באַשטימטע פּעריאָדן פון צייט.

א. דער ווידערשפּרוך צווישן דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון פּראָדוקציע און דער קאַפּיטאַליסטישער פאָרמע פון אַפּראָפּריאַציע אַלס די הויפּט־אורזאַך פון קריזיסן

מאַרקס, וואָס האָט באַטראַכט די קריזיסן אַלס אַן אויסדרוק פון שטאַרקן צוזאַמענשטויס צווישן דעם קעגנזייטיקן ווידערשפּרוך פון די פּראָ־דוציר־כוחות און די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר באַציאונגען, האָט אַנט־וויקלט די נויטווענדיקייט פון קריזיסן פון דעם הויפּט ווידערשפּרוך פונם קאַפּיטאַליזם, דער ווידערשפּרוך צווישן דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער פּראָדוקציע און דער קאַפּיטאַליסטישער פאָרמע פון אַפּראָפּריאַציע.

פּריוואַטע אַפּראָפּריאַציע עקזיסטירט אין איינפאַכער סחורה עקאָנאָ־מיע ; אָבער דאָ אַפּראָפּריאירט (נעמט צו פאַר זיך) דער זעלבסטשטענדי־קער סחורה פּראָדוצירער דעם פּראָדוקט פון זיין אייגענער אַרבעט. אונטערן קאַפּיטאַליזם, אָבער, אַפּראָפּריאירט דער אייגנטימער פון די מיטלען פון פּראָדוקציע די פּראָדוקטן וועלכע זיינען אויסשליסלעך געמאַכט געוואָרן דורך דער אַרבעט פון אַנדערע.

אין וואָס באַשטייט די סאָציאַליזאַציע פון אַרבעט אונטערן קאַפּיטאַ־ליזם ? עס

„באַשטייט אינגאַנצן ניט אין דעם פאַקט, וואָס מענטשן אַרבעטן אין איין פאַבריק (דאָס איז בלויז אַ קליינער טייל פונם פּראָצעס) נאָר אין דעם, וואָס די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל איז באַגלייט דורך אַ ספּעציאַליזאַציע פון סאָציאַלער אַרבעט, דורך אַ פאַרקלענערונג פון דער צאָל קאַפּיטאַליסטן אין

יעדער אינדוסטריע און אין א פארגרעסערונג אין דער צאָל ספּעציעלע אינ־דוסטריעס; ס'באשטייט אויך אין דעם וואָס די פילע צעוואָרפענע פּראָדוקציע פּראָצעסן שטראָמען אין איין סאָציאלן פּראָדוקציע פּראָצעס". (לעגין, "ווער זיינען די פריינט פון פאָלק?" 1894, געזאמלטע ווערק, באנד 1.)

אָבער

"אן אומפּאראייגבארער אנטאגאָניזם צווישן דער פאָרמע פון פּראָדוקציע און צווישן דער אפּראָפּריאציע הייבט זיך אָן ווען די גאנצע פּראָדוקציע שטראָמט, אף אזא אופן, אין איין סאָציאלן פּראָדוציר פּראָצעס, בשעת יעדע פּראָדוקציע ווערט אָנגעפירט פון אן אינדיווידועלן קאפּיטאליסט, אָן ווענעמס ווילקירישן ווילן זי איז אָפּהייגגיק, און דער סאָציאלער פּראָ־דוקט פון דער פּראָדוקציע ווערט זיין פּריוואט אייגנטום." (אין זעלבן.)

ס'זיינען גאָר ניטאָ קיין גרענעצן צו דעם פארלאַנג צו אפּראָפּריאירן די ארבעט פון אנדערע; ס'איז אומענדלעך אין זיין נאטור. ניט

"דער פּראָפיט פון וועלכער ס'איז איינציקער טראנסאקציע"

נאָר

"דער אומרואיקער ענדלאָזער פּראָצעס פון פּראָפיט־מאכן אליין איז דאָס צו וועלכן ער (דער קאפּיטאליסט) צילט". (מארקס, "קאפּיטאל", באנד 1.)

אין דער אויספאָרשונג איבער דער טראַנספאָרמאציע פון געלט אין קאפּיטאל, מערקט אָן מארקס, אז, "די צירקולאציע פון קאפּיטאל האָט ניט קיין גרענעצן". (מארקס, קאפּיטאל, באנד 1.)

אין דעם קאמף צו פארגרעסערן דעם אפּראָפּריאירטן פּראָדוקט פון דער ארבעט פון אנדערע שטרעבט יעדער אינדיווידועלער קאפּיטאליסט פאר אָנזאמלונג, דאָס מיינט, די טראַנספאָרמאציע פון מער־ווערט אין קאַ־פּיטאל דורך פארבעסערן און אויסברייטערן זיין פּראָדוקציע. די גרענעצ־לאָזע אנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע ווערט, א דאַנק דער קאָנקורענץ, א פראגע פון צוואנג פאר יעדן אינדיווידועלן ארבעט־געבער, ווייל אונטער די באדינגונגען פון אומברחמנותדיקער קאָנקורענץ מיינט יעדע הינטער־שטעליקייט א נידערלאַגע און רואינע. דער רעזולטאט פון דער טענדענץ צו אנטוויקלען די פּראָדוציר־כוחות אונטערן קאפּיטאליזם איז, אז די פּראָ־דוקציע איבערפלייצט די גרענעצן, וועלכע זיינען פאָרמירט געוואָרן דורך די קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציע באציאונגען.

ניט די נאָכפראגע, נאָר דער קאפּיטאל באשטימט די גרענעצן פון דער אויסברייטערונג פון דער גאנצער סאָציאלער פּראָדוקציע.

"מיט דער אנטוויקלונג פון קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע ווערט דער מאסשטאב פון דער פּראָדוקציע ווינציקער און ווינציקער אָפּהייגגיק פון דער באלדיקער נאָכפראגע פאר דעם פּראָדוקט און פאלט מער און מער אונטער דעם באשטימנדיקן איינפלוס פון דער סומע פון דעם קאפּיטאל וואָס איז גרייט אין די הענט פון דעם אינדיווידועלן קאפּיטאליסט, אונטער דעם אינסטינקט פאר דער באשאפונג פון מער ווערט אייגנטימלעך אין קאפּיטאל, אונטער דער באדערפעניש צו פארזעצן און אויסשפּרייטן די פּראָצעסן פון פּראָדוקציע." (מארקס, "קאפּיטאל", באנד 2, אמעריקאנער אויסגאבע.)

און אַ דאַנק די פֿאָדערונגען פֿון קאָנקורענץ גייט אָן די אַנטוויקלונג פֿון די פּראָדוציר־כּוחות, ניט נאָר דורך אַ פֿאַרבעסערונג אויף און איינפֿאַכן, קוואַנטיטאַטיוון מאַסשטאַב פֿון דעם פּראָדוקציע־אַפּאַראַט, נאָר אויך דורך אַן אומגעהויערן קוואַליטאַטיוון פּראָגרעס פֿון טעכניק; דאָס הייסט, דורך אַ פֿאַרגרעסערונג אין דער פּראָדוקטיוויטעט פֿון סאָציאַלער אַרבעט.

דער גייעג נאָך פֿאַרגרעסערטע פּראָפֿיטן סטימולירט די אַנטוויקלונג פֿון דער טעכניק אונטערן קאַפּיטאַליזם, ס'פֿירט צו אומאויפֿהערלעכע און אומאיבעררייסבאַרע טעכנישע אויסבעסערונגען און רעגט אָן אומגעהויער דורכדעם דעם וואוקס פֿון דער פּראָדוקטיוויטעט פֿון סאָציאַלער אַרבעט.

„דער קאַפּיטאַליסטישער מאָדוס פֿון פּראָדוקציע האָט אַ טענדענץ צו אַנטוויקלען די פּראָדוציר כּוחות אַבסאָלוט ניט קוקנדיק אויף די סאָציאַלע באַדינגונגען, אונטער וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע גייט אָן.“ (מאַרקס, באַנד 3, זייט 292.)

„די מאַסע פֿון דעם פּראָדוקציע־איבערפֿלוס איז קאַפּיטאַל זעלבסט, די עקזיסטירנדיקע מאָס פֿון פּראָדוציר באַדינגונגען און די ענדלאָזע באַרייכער־רונג און קאַפּיטאַליזאַציע־קאַמפּאַניע פֿון די קאַפּיטאַליסטן, אָבער בשום אופֿן ניט פֿון פֿאַרברויך.“ (מאַרקס, „טעאָריעס פֿון מער־ווערט“, באַנד 2, זייט 263.)

„ס'איז אַ וואַנזיניקער קאַמף, וועלכער פֿאַרפֿירט אפֿילו דעם דערפֿאַרנסטן און פֿלעגמאַטישסטן; סחורות ווערן געשפּינט, געוועבט, אויסגעהאַמערט, פּונקט ווי די גאַנצע מענטשהייט וואָלט געדאַרפֿט בייזייעס באַזאָרגט ווערן, פּונקט ווי צוויי טויזנט מיליאָן נייע קונים זיינען אַנטדעקט געוואָרן אויף דער לבנה.“ (ענגעלס, „די באַדינגונגען פֿונם אַרבעטער קלאַס“, זייט 84.)

אָבער דער זעלביקער פּראָצעס וועלכער רופֿט אַרויס דעם אומווידער־שטענדלעכן וואוקס פֿון פּראָדוציר־כּוחות, פֿירט אומבאַרמהערציק צו דער איבערטרעטונג פֿון די גרענעצן פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוציר־באַציאונג, וועלכע פֿאַראורזאַכט נויטווענדיקערווייזע אַ קאָנפֿליקט צווישן די ביידע, אַ קאָנפֿליקט וועלכער קען זיך בלויז אויפֿלייזן אין אַ קריזיס.

דער קאַפּיטאַליזם, וועלכער ברענגט מיט זיך די סאָציאַליזאַציע פֿון אַרבעט, בשעת די ריזיקע רעזולטאַטן פֿון דער פּראָדוקציע זיינען ניט סאָציאַליזירט נאָר ווערן אַפּראָפּריאירט און אויסגענוצט פֿון דעם אייגנטי־מער פֿון די מיטלען פֿון דער פּראָדוקציע, שליסט אויס, פֿון דער צווייטער זייט, מאַסן פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון באַנוצן זיך מיט די דאָזיקע פּראָדו־ציר־כּוחות.

וואָס, אינאַמת'ן, קומט פֿאָר אין דער אַנדערער זייט פֿון דער אַנט־וויקלונג—וואָס געשעעט אין דעם לאַגער פֿון דער אַרבעטער באַפֿעלקערונג?

דער גייעג נאָך פּראָפֿיטן פֿירט צו טעכנישע אויסבעסערונגען, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך צו אַ רעלאַטיווער פֿאַרקלענערונג אין דער נאָכ־פֿראַגע פֿון אַרבעטס־קראַפֿט, צו דער פֿאָרמירונג פֿון אַן אינדוסטריעלער רעזערוו־אַרמיי.

„די נאָכפֿראַגע פֿאַר אַרבעטס־קראַפֿט פֿאַרקלענערט זיך צו דעם זעלבן

גראד, צו וועלכן דער קאפּיטאל מאכט דעם ארבעטער מער פּראָדוקטיוו, און אין דער פּראָפּאָרציע צו אזא פּראָדוקטיוויטעט." (מארקס, „קאפּיטאל", באנד 1.)

אָלם אַ רעזולטאַט פון דעם, קומט פאַר אַ וואוקס פון דער אַבסאָלוטער מאָס פון אָנגעזאַמלטן קאַפּיטאַל און אין דער זעלבער צייט, אַ רעלאַטיווע פאַרקלענערונג אין דער צאָל אַרבעטער, וועלכע ווערן באַשעפטיקט פון די קאַפּיטאַליסטן.

אין זיין גײַיעג נאָך פּראָפיטן אַנטוויקלט דער קאַפּיטאַל נאָך מער אַ טענדענץ פון אַ רעלאַטיווער פאַרקלענערונג אין צאָל פון לעבעדיקער אַר־בעטס־קראַפט, און פאַרקלענערט צו דער זעלבער צייט אויך דעם לוין צו אַ מינימום, וועלכער איז אים לייכט דורכצופירן צוליב דעם דרוק פון דער אינדוסטריעלער רעזערוו־אַרמיי אַף דעם אַרבעטער־מאַרק. כאָטש אַפילו דער קאַפּיטאַליזם דערלויבט אַ פאַרגרעסערונג אין לוין אין די פּער־ריאָדן, וואָס קומען פאַר די קריזיסן, איז אַזאַ פאַרגרעסערונג פאַרגלייכבאַר צו נאָך אַ גרעסערער פאַרגרעסערונג אין די פּראָפיטן פונם קאַפּיטאַל און זיין אָנזאַמלונג, און אַזוי אַרום ווערט באַגלייט דער פאַרגרעסערטער גע־ברויך מיט נאָך אַ גרעסערער פאַרברייטערונג אין דער פּראָדוקציע.

די קאַפּיטאַליסטן וואָס שטרעבן צו דערגרייכן זייער ציל (די גרעסטע אויסברייטערונג פון זייער קאַפּיטאַל) זיינען אַזוי אַרום געצוואונגען צו באַנוצן אַזוינע מעטאָדן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זייער ציל, וועלכע מוזן אומפאַרמיידלעך פירן צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן דער פּראָדוקציע, וואָס איז אַנטוויקלט ביז צו אַ מאַקסימום, און צווישן דעם שמאָלן באַזיס פון געברויך. דער ציל פונם קאַפּיטאַליזם, די זעלבסט־אויסברייטערונג פון ווערט, קומט אין קאָנפליקט מיט די מיטלען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעם ציל.

אָט אַזעלכער איז, אונטערן קאַפּיטאַליזם, דער קאָנפליקט צווישן דער פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע און דער זעלבסט אויסברייטערונג פון דעם קאַפּיטאַל; דאָס מיינט, צווישן דער אַבסאָלוטער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־כּוחות און דער קאַפּיטאַליסטישער פאָרמע פון דער אָרגאַניזאַ־ציע פון דער סאָציאַלער פּראָדוקציע, וועלכע פאַרהאַלט זייער אַנטוויקלונג.

„ס'איז פונקט אָט־די דאָזיקע אויסברייטערונג פון דער פּראָדוקציע אָן אַ גלייכמעסיקער אויסברייטערונג פון פאַרברויך, וועלכע איז אין איינקלאַנג מיט דער היסטאָרישער מיסיע פונם קאַפּיטאַליזם און זיין סאָציאַלער סטרוקטור." (לענין, געזאַמלטע ווערק, באַנד 3, רוסישע אויפלאַגע, זייט 30.)

אַלע פאַקטאָרן פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג ווירקן אַזוי אַרום אין דער ריכטונג פון מאַקסימום אויסברייטערן די פּראָדוקציע. דער קאַפּיטאַליסטישער

„מאָדוס פון פּראָדוקציע קריגט אַ בויגזאַמקייט פון פּלוצלומדיקער פאַרגרעסערונג דורך גרויסע שפּרונגען, וועלכע געפינען ניט קיין שום פאַר־צוימונג, אחוץ אין דעם צושטעל פון רויע מאַטעריאַלן און אין דעם אָפּזאַץ פון דעם פּראָדוצירטן". (מארקס, „קאפּיטאל", באנד 1, זייט 492.)

דער קאַפּיטאַליזם, וועלכער טרייבט אַלץ פאָראויס די אַנטוויקלונג פון

רויען מאַטעריאַל און דאָס געווינען פון נייע מארקן, באַשאַפט נייע מינים רויען מאַטעריאַל און פאַרוואַנדלט גאַנצע לענדער אין רויען־מאַטעריאַל פּלאַנטאַציעס. אָבער דורכדעם גייט ער אויך איבער די גרעניצן, וועלכע די פּראָדוקציע פון רויע מאַטעריאַלן האָט פאַר אים באַשטימט.

דער רעזולטאַט פון דער באַוועגונג פון דעם קאַפּיטאַל באַשטייט, דערי־בער, אין דער אומפאַרמיידלעכער איבערטרעטונג פון די גרענעצן פון די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר־כּוחות. און דעריבער די קריזיסן.

אחוץ דעם, ווערט די אָנרעגונג פון דער באַוועגונג פאַרשטאַרקט דורך דער קרעדיט־סיסטעם וועלכע פאַרגיכערט די אַנטוויקלונג פון די ווידער־שפּרוכן. די איבערשטייגונג פון דער פּראָדוקציע איבער די גרענעצן פון דער בורזשואַזער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, ווי אויך די באַוועגונג פון געלט (הלוואה) קאַפּיטאַל, ווערט אויך געטריבן פאָראויס דורך דעם פאַקט, וואָס די נידעריקע ראַטע פון פּראָצענט דורך די צייטן פון בום, איז איינע פון די מאָטיוון, וועלכער פירט צו איבער־פּראָדוקציע, ווייל עס מיינט אַ פאַרגרעסערטע ראַטע פון פּראָפיטן בשעת די מאַסע פון מער־ווערט פאַר־בלייבט די זעלבע.

צום סוף — דער באַנק קאַפּיטאַל

„שטעלט צו צו דעם דינסט פון דעם אינדוסטריעלן און קאָמערציעלן קאַפּיטאַליסט דעם גאַנצן ממשותדיקן, אָדער אפילו דעם פּאָטענציעלן קאַפּי־טאַל פון דער געזעלשאַפט, אזוי ווייט ווי ער איז נאָך ניט געווען אקטיוו אינוועסטירט *** דאָס שאַפט אָפּ דעם פּריוואַטן כאַראַקטער פון דעם קאַפּיטאַל און אַף אַזויפיל באַדייטעט דאָס די אָפּשאַפונג פון קאַפּיטאַל *** באַנק געשעפט און קרעדיט ווערן, אַזוי אַרום, די ווירקזאַמסטע מיטלען צו טרייבן די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע איבער אירע אייגענע גרענעצן, און די מעכטיקסטע אינסטרומענטן פון קריזיסן און שווינדל". (מאַרקס, „קאַפּיטאַל", באַנד 3, זייטן 712-713.)

זיין אַנטוויקלונג ווערט אָבער אומפאַרמיידלעך נאָך אַמאָל און נאָכ־אַמאָל קאַטאַסטראָפאַל געשטערט צוליב די שמאָלע גרעניצן פון דער באַ־שריינקטער בורזשואַזער פאָרמע פון פּראָדוקציע. דורך פאַרגרעסערן זיין אומגעהויערע עקספּלואַטאַציע פונם פּראָלעטאַריאַט, דערגרייכט דער קאַ־פּיטאַליזם אַ קאָלאָסאַלע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־כּוחות און אַ כסדרדיקע פאַרגרעסערנדע פּראָדוקציע פון די מיטלען פון פּראָדוקציע און געברויך. אָט דער שטייגנדיקער וואַקסנדיקער באַרג פון מיטלען פאַר מענטשלעכער פּראָדוקציע און געברויך, וועלכער איז פּראָדוצירט אין דער פאָרמע פון סחורות, וועלכע האָבן דערגרייכט אַן אומגעהויערע צאָל און אַ קאָלאָסאַלע מאַסע פון ווערט און מער־ווערט, וואָס איז אַנטהאַלטן אין זיי, קען איבערגעגעבן ווערן פאַר פאַרברויך בלויז ווען מען קען געפינען קונים; דאָס מיינט, די מאַסן סחורות מוזן פאַרקויפט ווערן.

„דער ארבעטער איז ניט ווינציקער עקספּלואַטירט, אָבער זיין עקס־פּלואַטאַציע ברייננגט ניט אריין אזויפיל פארן קאַפּיטאַליסט." (מאַרקס, „קאַפּיטאַל", באַנד 3, זייט 281.)

דער דאָזיקער ווידערשפּרוך צווישן אומבאַגרענעצטער עקספּלואַטאַציע

אונטערן קאַפּיטאַליזם און דער באַשריינקטער מעגלעכקייט צו פּאַרווירקלעכן די רעזולטאַטן פון דער עקספּלואַטאַציע, געפינט זיין שאַרפסטן אויסדרוק אין די קריזיסן.

„די באַציאונגען פאר דער דירעקטער עקספלואטאציע און די פון דער פארווירקלעכונג פון מער־ווערט זיינען ניט די זעלבע. זיי זיינען צעשיידט לאָגיש ווי אויך דורך צייט און פלאַץ. די ערשטע זיינען נאָר באַשריינקט דורך דעם פּראָדוציר־כח פון דער געזעלשאפט, די לעצטע דורך דער פּראָפּאָרציאָנעלער באַציאונג פון די פארשיידענע ליניעס פון דער פּראָדוקציע און פון דעם פארברויך־כח פון דער געזעלשאפט. דער דאָזיקער כח איז באַשטימט ניט פון דעם אבסאָלוטן פארברויך־כח פון דער געזעלשאפט, נאָר פון דעם פארברויך־כח וואָס איז באזירט אַף די אנטאגאָניסטישע באַציאונגען פון פארטיילונג, וואָס רעדוצירט דעם פארברויך פון דער גרויסער מאסע פון דער באפעלקערונג צו א פארענדערלעכן מינימום, אין מער אָדער ווייניקער שמאָלע גרענעצן.“ (מארקס, „קאפּיטאל“, באנד 3, זייט 286.)

ב. דער קאָנפליקט און אומגלייכקייט צווישן פּראָדוקציע און פּאַרברויך אַלס אַן אויסדרוק פון דעם הויפּט־ווידערשפּרוך אין קאַפּיטאַליזם

מיר זעען, אַזוי אַרום, אַז דער ווידערשפּרוך צווישן סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער פּראָדוקציע און דער קאַפּיטאַליסטישער פאָרמע פון אַפּראָפּריאַציע, וועלכער איז די הויפּט אורזאַך פון די קריזיסן, דריקט זיך אויס אינם קאָנפליקט צווישן פּראָדוקציע און פּאַרברויך. דער קאַפּיטאַליזם באַרייכערט דעם ווידערשפּרוך צווישן פּראָדוקציע און געברויך, וועלכער האָט אויך עקזיסטירט אין די פאַר־קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטן, מיט אַ נייעם און באַזונדערן כאַראַקטער אַלס אַ ווידערשפּרוך צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל. דער קריזיס געפינט זיין אויסדרוק אין דער קאָלאָסאַלער פאַרשטאַרקונג פון דעם ווידערשפּרוך און שאַרפער דיספּראָפּאָרציע צווישן פּראָדוקציע און געברויך. דער ווידערשפּרוך צווישן פּראָדוקציע און געברויך עקזיסטירט שטענדיק אונטערן קאַפּיטאַליזם. די פאַרשטאַרקונג פון דעם ווידערשפּרוך און זיין אַנטוויקלונג צו דעם פּונקט פון אויסברוך איז פאַראורזאַכט פון דעם ווידערשפּרוך צווישן סאָציאַליזירטער פּראָדוקציע און קאַפּיטאַליסטישער אַפּראָפּריאַציע.

דער הויפּט קאַפּיטאַליסטישער ווידערשפּרוך צווישן סאָציאַלער פּראָדוקציע און דער פּריוואַטער פאָרמע פון אַפּראָפּריאַציע באַגרענעצט זיך ניט, פונדעסטוועגן, בלויז צו דעם ווידערשפּרוך צווישן פּראָדוקציע און פאַרברויך. ס'דריקט זיך אויס אין פאַרשיידענע פאָרמעס. און פּונקט אַזוי ווי די מאַרקסיסטישע טעאָריע איגנאָרירט ניט די באַדייטונג פון דער באַציאונג צווישן פּראָדוקציע און געברויך, נאָר באַשטימט איר, פונדעסטוועגן, אַן אונטערגעוואָרפענעם פּלאַץ, אַזוי שליסט זי אויך ניט אויס די ראָלע פון דער דיספּראָפּאָרציע צווישן די אינדיווידועלע צווייגן פון פּראָדוקציע אין איר אַנאַליז וועגן די קריזיסן, אָבער באַטראַכט, דאָך, די דאָזיקע דיספּראָפּאָרציע אַלס אַן אויסדרוק פון דעם הויפּט־ווידערשפּרוך.

מאַרקס האָט שטענדיק אונטערגעשטראָכן די פאַרבינדונג צווישן די דאָזיקע צוויי מאָמענטן און אויסגעדריקט דעם שטאַנדפּונקט, אַז ביידע,

די פּראָפּאָרציע און דער ווידערשפּרוך צווישן פּראָדוקציע און פאַרברויך זיינען נאָר פאַרשיידענע אויסדרוקן פון איינעם און דעם זעלבן הויפּט־ווידערשפּרוך פונם קאַפּיטאַליזם, און זיינען געגנזייטיק אָפּהייגניק צווישן זיך.

די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע איז צעטיילבאַר אין צוויי גרופּן: די פּראָדוקציע פון די מיטלען פון דער פּראָדוקציע און די פּראָ־דוקציע פון די מיטלען פון געברויך. די ערשטע גרופּע פּראָדוצירט אייזן, שטאָל, מאַשינעריע און אַנדערע מיטלען פון פּראָדוקציע; די צווייטע גרופּע באַשטייט פון אינדוסטריעס, וועלכע פּראָדוצירן געוועב־סחורות, קליידונג, מיטלען פון דערנערונג און אַנדערע אַרטיקלען פון געברויך. ביידע גרופּעס בילדן אַן אינערלעכע איינהייט און קענען ניט עקזיסטירן איינער אָן דעם אַנדערן. אויסערלעך, אָבער, זיינען זיי צעטיילט און זעלבסט־שטענדיק איינע פון דער אַנדערער אונטער די קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען פון פּריוואַט־אייגנטום. און אַט די אָפּגעשיידקייט פון די צוויי באַשטענ־דיקע טיילן פון דער פאַראייניקטער סאָציאַלער פּראָדוקציע מאַכט עס מעג־לעך אַ דיספּראָפּאָרציע, וועלכע, אַלס אַ רעזולטאַט פון דעם ווידערשפּרוך צווישן דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון פּראָדוקציע און דעם קאַפּיטאַליסטישן מאָדוס פון אַפּראָפּריאַציע, פאַרוואַנדלט ספּאָנטאַניש די מעגלעכקייט אין אַ נויטוועדיקייט.

די גאַנצע ווערט, וואָס ווערט פּראָדוצירט אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז איינגעטיילט, פון אַ סאָציאַלן שטאַנדפּונקט, אין צוויי טיילן: איין טייל איז רעאַליזירט אַלס קאַפּיטאַל און דינט אַלס דער פּראָ־דוקציע־פאַרברויך, און דער צווייטער טייל איז רעאַליזירט אַלס איינקומפט און דינט אַלס דער פּערזענלעכער געברויך פון די קאַפּיטאַליסטן און די אַרבעטער.

די סחורות פון די צווייגן פון דער עקאָנאָמיע, וועלכע פּראָדוצירן די מיטלען פון פּראָדוקציע, אַלס רעזולטאַט פון דער נאַטירלעכער פאָרמע פון זייערע פּראָדוקטן, קענען אויסגענוצט ווערן בלויז פאַר דער רעפּראָדוקציע פון באַשטענדיקן קאַפּיטאַל. אַזוי, צום ביישפּיל, קענען מאַשינען ניט פאַרברויכט ווערן, אָבער זיי קענען גענוצט ווערן אין דער פּראָדוקציע; זיי, דעריבער, פונקציאָנירן אַלס קאַפּיטאַל און קענען דעריבער בלויז אויס־געטוישט ווערן פאַר קאַפּיטאַל, בשעת די פּראָדוקטן פון די פּראָדוקציע צווייגן, וועלכע פּראָדוצירן די מיטלען פון געברויך, קענען נאָר אויסגע־טוישט ווערן פאַר איינקונפט. אַזוי, צום ביישפּיל, לייוונט, קליידונג, מיט־לען פון דערנערונג און אַנדערע סחורות, וועלכע ווערן פּראָדוצירט אין די עקאָנאָמיע־צווייגן, וועלכע פאַבריצירן די מיטלען פון געברויך, קענען, אַלס רעזולטאַט פון זייער נאַטירלעכער פאָרמע, בלויז אָנגעווענדעט ווערן פאַר אינדיווידועלן פאַרברויך און ניט פאַר פּראָדוקציע־געברויך. זיי קענען ניט, דעריבער, פון אַ סאָציאַלן שטאַנדפּונקט, דינען אַלס קאַפּיטאַל, נאָר בלויז אַלס אַרטיקלען פון פּערזענלעכן פאַרברויך. זיי פאַרבייטן, פון איין זייט, דעם פאַרענדערלעכן קאַפּיטאַל, און בילדן פון דער אַנדערער זייט, די אומ־

פראָדוקטיווע אויסגענוצטע, דאָס הייסט, די פאַרברויכטע פּאַרציע פון מער־ווערט.

לענין מאַכט דאָס קלאָר אַף פאָלגנדן אופן:

„די פראָדוקטן וועלכע פאַרבייטן דעם פאַרענדערלעכן קאַפּיטאַל מוזן נאָך אַלעמען ווערן אויסגעטוישט אַף די מיטלען פון געברויך פון די אַר־בעטער און דעקן דעם געוויינלעכן פאַרברויך פון די אַרבעטער. די פראָדוקטן וועלכע פאַרבייטן דעם באַשטענדיקן קאַפּיטאַל מוזן נאָך אַלעמען אויסגע־טוישט ווערן אַף די מיטלען פון פראָדוקציע און מוזן געניצט ווערן אַלס קאַפּיטאַל פאַר נייער פראָדוקציע." (לענין, געזאַמלטע ווערק, באַנד 2, זייט 495, רוסישע אויסגאַבע.)

און אַף אַזאַ אופן קומט פאַר דער ווידערשפּרוך צווישן פראָדוקציע און פאַרברויך, וועלכער איז אייגנטימלעך אין קאַפּיטאַליזם און וועלכער נעמט אָן דעם כאַראַקטער פון אַ ווידערשפּרוך צווישן קאַפּיטאַל און איינ־קונפט, און דריקט זיך אויך אויס אין די פאַרשיידנקייטן פון די טיילן פון דער סאָציאַלער פראָדוקציע. אָט דערפאַר איז, ווי לענין באַמערקט.

„די קראַפט פון פאַרברויך פון דער געזעלשאַפט און די פּראָפּאָרציע צווישן די פאַרשיידענע צווייגן פון פראָדוקציע גאַרניט עפּעס אַ סאָרט פון זעלבסטשטענדיקע באַדינגונגען, וועלכע זיינען ניט פאַרבונדן איינער מיטן אַנדערן. (דאָס, ווי מיר האָבן געזען, איז פונקט דאָס וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטן קענען ניט באַגרייפן — רעד.) פאַרקערט, אַ געוויסער צושטאַנד פון פאַרברויך איז איינער פון די עלעמענטן פון פּראָפּאָרציאָנאַליטעט." (לענין, „באַמערקונגען וועגן דער טעאָריע פון מאַרקסן", געזאַמלטע ווערק, באַנד 2.)

בשעת דער ווידערשפּרוך צווישן דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער פראָדוקציע און דער קאַפּיטאַליסטישער פאָרמע פון אַפּראָפּריאַציע, דריקט זיך אויס אין דעם פאַקט, וואָס די פראָדוקציע יאָגט איבער פאַרברויך, און די פאַרגרעסערונג אין איינקונפט בלייבט הינטערשטעליק פון דעם וואוקס פון קאַפּיטאַל, איז די ניט גלייכע אַנטוויקלונג צווישן ביידע טיילן פון דער גאַנצער סאָציאַלער פראָדוקציע, און נעמלעך, די שנעלערע אויסשפּריי־טונג פון דער פראָדוקציע פון די מיטלען פון דער פראָדוקציע, אין פאַר־גלייך מיט די מיטלען פון פאַרברויך, אַנאַנדער אויסדרוק פון דעם דאָזיקן ווידערשפּרוך. פונקט ווי דער הויפּט ווידערשפּרוך פונם קאַפּיטאַליזם באַ־שטימט פאָראויס די נויטווענדיקייט פון שטאַרקע צוזאַמענשטויסן צווישן פראָדוקציע און פאַרברויך, וועלכע געפינען זייער אויסדרוק אין קריזיסן, פונקט אַזוי פירט די ניט גלייכע אַנטוויקלונג פון די פראָדוקציע־צווייגן צו אַ קאָנפליקט פון אַזאַ טיפן שטייגער, אַז ברייגען דאָס צוריק אין אָרדנונג איז אוממעגלעך אַנדערש ווי דורך קריזיסן.

איינע פון די כאַראַקטעריסטישע אייגנטימלעכקייטן פון דער קאַפּי־טאַליסטישער אַנטוויקלונג איז די רעלאַטיווע רעדוקציע אין סכום פון מענטשלעכער אַרבעט (די אַרבעטער) אין פאַרגלייך מיט דער ניט־לעבעדיקער (די מאַשינען). דאָס געפינט איר אויסדרוק אין דעם פּראָ־גרעסיוון וואוקס פון באַשטענדיקן קאַפּיטאַל אין פאַרגלייך מיט דעם

פאַרענדערלעכן, וועלכער באַשטימט די גרויס פון דעם איינקונפט פון די אַרבעטער.

דער קאַפּיטאַל, פון דער צווייטער זייט, שטראָמט מער און מער אין די צווייגן פון פּראָדוקציע, וועלכע, אַלס אַ רעזולטאַט פון דער נאַטירלעכער פאָרמע פון זייער פּראָדוקט, זיינען באַשטימט פאָראויס צו דינען אַלס באַשטענדיקער קאַפּיטאַל; דאָס הייסט, אין די צווייגן פון עקאָנאָמיע, וועלכע באַזאָרגן מיטלען פון פּראָדוקציע. וואָס מער די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם פּראָגרעסירט, אַלץ מער קאָנצענטרירט זיך דער קאַפּיטאַל גופא אין די דאָזיקע צווייגן פון פּראָדוקציע, וועלכע פּראָדוצירן קוילן, אייזן און מאַשינעריע, אין פאַרגלייך מיט די וועלכע פּראָדוצירן געוועבטע סחורות, שפּייז און דאָס גלייכן.

„דער קאַפּיטאַליסטישער געזעץ פון אַנטוויקלונג באַשטייט אין דעם פאַקט, וואָס דער באַשטענדיקער קאַפּיטאַל וואַקסט גיכער פון דעם פאַרענדערלעכן; דאָס הייסט, אַז אַלץ גרעסערע קאַפּיטאַלן ווערן פאַרווענדעט אין די דאָזיקע צווייגן פון סאָציאַלער עקאָנאָמיע, וועלכע פּראָדוצירן מיטלען פון פּראָדוקציע. דער טייל, פאָלגלעך, וואַקסט גיכער, ווי די וואָס פּראָדוצירן מיטלען פון פאַרברויך.“ (לענין, געזאַמלטע ווערק, באַנד 2, זייט 400.)

דער דאָזיקער וואוקס פון די עקאָנאָמיע-צווייגן וואָס פּראָדוצירן די מיטלען פון פּראָדוקציע, און יאָגן איבער די אַנטוויקלונג פון די, וועלכע פּראָדוצירן מיטלען פון געברויך, איז נאָך אַן אויסדרוק פון דעם איבערגעוויכט אין דער אַנטוויקלונג פון דעם ווידערשפּרוך צווישן פּראָדוקציע און פאַרברויך אונטערן קאַפּיטאַליזם, וועלכער געפינט זיין אויסדרוק, צום אַלעם ערשטן, אין דעם ווידערשפּרוך צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל און אין דער דיספּראָפּאָרציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון די פאַרשיידענע צווייגן פון עקאָנאָמיע פון דער קאַפּיטאַליסטישער סאָציאַלער פּראָדוקציע.

די מאַרקסיסטישע טעאָריע גייט אַרויס פון דעם פאַקט, אַז די פּראָדוקציע אונטערן קאַפּיטאַליזם באַשאַפט, אין געוויסע גרענעצן, זיין אייגענעם מאַרק. אַף אַזויפיל ווי דער גרעסטער טייל פון דעם ווערט איז ניט פאַרברויכט פון די קאַפּיטאַליסטן, נאָר ווערט פאַרווענדט פאַר אָנזאַמלונג, דאָס מיינט, פאַר דער ווייטערער אויסברייטערונג פון דעם פּראָצעס פון פּראָדוקציע, ווערט דער מאַרק פאַר די מיטלען פון פּראָדוקציע דורכדעם פאַרברייטערט, בשעת דער וואוקס פון די אינדוסטריעס אין וועלכע זיי ווערן פּראָדוצירט, פירט צו דער אויסנוצונג פון פרישער אַרבעטס-קראַפט און צו אַ גרעסערער נאָכפראַגע פאַר מיטלען פון געברויך אַלס אַ רעזולטאַט פון פאַרגרעסערטן פאַרברויך. די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע דעריבער, באַשטימט אַליין דעם פאַרברויך. אָבער דאָ ווערט דער פאַרברויך אומפאַרמיידלעך איבערגעיאָגט דורך דער פּראָדוקציע.

אָבער פונקט אַזוי ווי די פּראָדוקציע אַנטוויקלט זיך מיט אַ רעלאַטיווער זעלבסטשטענדיקייט פון דעם פאַרברויך, פונקט אַזוי אַנטוויקלען זיך די צווייגן פון דער פּראָדוקציע וועלכע פאַבריצירן די מיטלען פון דער פּראָדוקציע מיט אַ רעלאַטיווער זעלבסטשטענדיקייט פון די, וועלכע פּראָ־

דוצירן מיטלען פון פאַרבראַוך, בשעת דער איינפלוס פון דער ערשטער באַשטימט די אַנטוויקלונגען פון דער לעצטער.

אָבער אויב די מיטלען־פון־דער־פּראָדוקציע־גרופּע אַנטוויקלט זיך מיט אַ רעלאַטיווער זעלבסטשטענדיקייט פון די־מיטלען פון־דער־פאַרבראַוך־גרופּע, מיינט דאָס ניט, אַז ס'זיינען ניטאָ צווישן זיי קיין ווידערשפּרוכן. פאַרקערט, ווידערשפּרוכן זיינען דאָ אומפאַרמיידלעך און זיי עקזיסטירן כסדר.

אָבער דאָס פאַרהעלטנישמעסיק זעלבסטשטענדיקע פאַבריצירן פון די מיטלען פון דער פּראָדוקציע, וועלכע אין געוויסע גרענעצן באַשאַפן זייער אייגענעם מאַרק, איז נאָך אַלעמען פאַרבונדן מיט דער פּראָדוקציע פון די מיטלען פון פאַרבראַוך, ווייל די מאַשינען ווערן ניט פּראָדוצירט צוליב זייער אייגענעם צוועק, נאָר כדי צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פון די געוועבטע וואַרעס, שפּייז און דאָס גלייכן.

פּונקט אַזוי ווי די אומבאַשרייַנקטע אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע אונטערן קאַפּיטאַליזם קומט אין קאָנפליקט מיט דעם הינטערשטעליקן פאַר־בראַוך, אַזוי פּירט דער שנעלער וואוקס פון די מיטלען פון פּראָדוקציע צו איבער־פּראָדוקציע, אַלס דער אויסדרוק פון דער דיספּראָפּאָרציע צווישן די פאַרשיידענע צווייגן פון פּראָדוקציע, וועלכע גייט אַזוי ווייט, אַז נאָר אַ קריזיס קען פאַרנייען דעם ריס.

דער זייער שנעלער וואוקס פון דער פּראָדוקציע פון די מיטלען פון דער פּראָדוקציע, אין פאַרגלייך מיט דער פּראָדוקציע פון די מיטלען פון פאַרבראַוך, איז בלויז אַ סימן אַז פאַרבראַוך איז הינטערשטעליק פון דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע אונטערן קאַפּיטאַליזם, און אַ סימן פון דעם אַנטוויקלטן ווידערשפּרוך צווישן קאַפּיטאַל און איינקונפט, דאָס מיינט צווישן דער פאַרגרעסערונג פון רייכקייט פון איין זייט און דער פאַרגרעסע־רונג פון אָרעמקייט פון דער צווייטער זייט.

דער ווידערשפּרוך צווישן דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער פּראָ־דוקציע און צווישן דער קאַפּיטאַליסטישער פאָרמע פון אַפּראָפּריאַציע גע־פינט, אַזוי אַרום, זיין אויסדרוק אין דעם פאַקט, וואָס דער וואוקס פון די עקאָנאָמיע־צווייגן פאַר דער פּראָדוקציע פון די מיטלען פון דער פּראָ־דוקציע, יאָגט אַריבער דעם וואוקס פון דער פּראָדוקציע פון די מיטלען פון פאַרבראַוך. די אויסגעברייטערטע אַנטוויקלונג פון די צווייגן פון עקאָ־נאָמיע, וועלכע באַזאָרגן די מיטלען פון דער פּראָדוקציע, אין זייער איבער־יאָגעניש פון דער פּראָדוקציע פון אַרטיקלען פון פאַרבראַוך איז, דעריבער, מעגלעך בלויז אינערהאַלב געוויסע גרענעצן, אַזוי ווייט ווי די גרופּע פון די מיטלען פון דער פּראָדוקציע פאַרבראַוכט דעם אויסטויש אין זיך גופא און באַשאַפט איר אייגענעם מאַרק.

די פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע פון די מיטלען פון פּראָדוקציע רירט אָן סוף כל סוף אויך די פּראָדוקציע פון די אינדוסטריעס, וועלכע פאַבריצירן די מיטלען פון פאַרבראַוך, אַף אַזוי ווייט ווי עס רופט אַרויס אַ שטייגערונג אין דער פּראָדוקציע פון דער לעצטער.

און אַזוי אַרום רופט אַרויס דער הויפּט ווידערשפּרוך פון קאַפּיטאַליזם קריזיסן אין עקזיסטענץ, אַף אַזוי ווייט ווי ער פאַרטיפערט דעם ווידער־

שפרוך צווישן דער פּראָדוקציע און דעם פאַרברויך, און באַשאַפט אַ שאַרפע מחיצה צווישן די צווייגן פון דער עקאָנאָמיע, וועלכע פּראָדוצירן די מיט־לען פון געברויך.

די מאַרקסיסטישע קריזיס־טעאָריע שטייט אַזוי אַרום אין אַ שאַרפן ווידערשפּרוך צו אַלע בורזשואזע קריזיס־טעאָריעס און צו זייערע וואַ־ריאַציעס — די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טעאָריעס.

בשעת די בורזשואזע און די סאָציאַל דעמאָקראַטישע טעאָרעטיקער, אין זייערע אויספאָרשונגען איבער דער פּראָבלעם פון די קריזיסן, שטריי־נגען זיך אָן צו פאַרלייקענען די אינערלעכע ווידערשפּרוכן פון דעם קאַ־פּיטאַליסטישן מאָדוס פון דער פּראָדוקציע, אָפּצוזונדערן זיך פון זיי, צו „פאַרגעסן" זיי, אָדער פאַרצושטעלן זיי ווי צופעליקע טעותן אין רעכנונג, וועלכע קענען באַזייגט ווערן אונטער דעם קאַפּיטאַליזם גופא, געפינט מאַרקס, אַז די קריזיסן שפּרינגען אַרויס פון דעם עסענץ פון דעם קאַפּיטאַליזם זעלבסט, פון דעם ווידערשפּרוך צווישן סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער פּראָ־דוקציע און דער קאַפּיטאַליסטישער אַפּראָפּריאַציע, וועלכע איז אייגנטימ־לעך צום קאַפּיטאַליזם. דער קאַפּיטאַליסטישער מאָדוס פון פּראָדוקציע זעלבסט איז די אורזאַך פון די אַלגעמיינע איבער־פּראָדוקציע קריזיסן. אַזוי לאַנג ווי דער דאָזיקער מאָדוס פון פּראָדוקציע עקזיסטירט, אַזוי לאַנג וועלן קריזיסן זיין אומפאַרמיידלעך און עס וועט זיין אוממעגלעך זיי איבער־צוקומען. די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע־באַציאונגען מוזן באַזייטיקט ווערן אויב מען וויל אין אמתן מאַכן אַ סוף צו די קריזיסן.

דאָס איז ניט דער וועג פון דער בריטישער לייבאָר פּאַרטיי און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

אויף דער לעצטער קאָנפערענץ (לייסטער 1932) זיינען די מיטלען וועל־כע זיינען פאָרגעלייגט געוואָרן פון דער לייבאָר פּאַרטיי איבערצוקומען די קריזיסן געוועזן:

1. די סטאַביליזאַציע פון הורטאָוונע (האָלסייל) פּרייזן;
2. די באַנק פון ענגלאַנד זאָל זיין אונטער „געזעלשאַפטלעכן אייגנטום און קאָנטראָל";
3. די באַשאַפונג פון אַ נאַציאָנאַלער אינוועסטמענט באָארד;
4. נויט־פאַל מיטלען צו האַנדלען „געגן יעדן פּאַרזוך פון פּריי־וואַטע פינאַנציעלע אינסטיטוציעס צו שטערן אַ לעיבאָר רעגירונג, צו ברייננגען שאָדן דעם נאַציאָנאַלן קרעדיט, אָדער צו באַשאַפן אַ פינאַנציעלן פּאַניק.

צוזאַמען מיט דעם נייט דער פאָרשלאַג וועגן פּלאַנירן. אין די לייסטער רעזאָלוציעס זיינען אַזוי אַרום געמאַכט געוואָרן פאָרשלאָגן אויפצושטעלן באָארדס, צו אָנפירן מיטן טראַנספּאָרט, אַגריקולטור, עלעקטריציטעט, און דאָס גלייכן. די דאָזיקע באָארדס דאַרפן אָנגעפירט ווערן פון קאַנדידאַטן פון פאַרשיידענע קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן. אין דעמזעלבן וועג האָט דער טרייד יוניאָן קאָנגרעס אין ניוקעסל (1932)) פאָרגעלייגט פּאָלקס קאָר־פּאָראַציעס, כדי ניט צו טראַנספּערירן אייגנטימערשאַפט נאָר טראַנספּערירן „קאָנטראָל".

אַ ביישפּיל פון דעם איז צוגעשטעלט געוואָרן פון דעם טרייד יוניאָן

קאָנגרעס באַריכט וועגן אינדוסטריעלע באַציאונגען:

„עס ווערט איצטער אין אַלגעמיין מער אָנערקענט, אַז דער שווערפּונקט פון סאָציאַליזאַציע ליגט אין דער טראַנספערירונג פון קאָנטראָל צו דער געמיינדע. לויט די טראַדיציאָנעלע באַגריפן האָט קאָנטראָל אויטאָמאַטיש געהערט צו די באַזיצער פון אייגנטום *** די אייגנטימער פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל האָבן פאַר אַ לאַנגער צייט ניט געקענט טאָן מיט דעם, וואָס זיי האָבן געוואָלט טאָן *** אין מאָדערנע צייטן איז דאָ אַ טענדענץ צו צעשיידן אייגנטימערשאַפט פון דעם קאָנטראָל.“

צוזאַמען מיט דער „דערקלערונג“ וועגן קריזיסן אַז ער ווערט ניט פאַראורזאַכט פונם קאַפּיטאַליזם נאָר פון דעם וואָס דער קאָנטראָל ליגט אין די הענט פון אַזוינע מענטשן, וואָס לעבן נאָך אין 19טן יאָר־הונדערט *) און דעסטגלייכן קריגן מיר אויך די פאָרשלאָגן פון דער לייבאָר פּאַרטיי פאַר פינאַנציעלן קאָנטראָל. אינוועסטמענט זאָל פאַרוואַלטעט ווערן דורך אַ קערפּערשאַפט פון עקספּערטן. דער גאָווערנאָר פון דער באַנק פון ענגלאַנד זאָל באַשטימט ווערן פון דער רעגירונג; די דעפּרעסיע איז פאַרטיפט געוואָרן דורך „דער פּאָליסי פון געלט דעפלאַציע, וועלכע איז אָנגעגאַנגען אין די פריערדיקע יאָרן“. און דעריבער דאַרפן די פרייזן אָנגעהאַלטן ווערן סטאַביליזירט. דער טרייד יוניאָן קאָנגרעס דריקט אויס זיין צושטימונג מיט דעם געדאַנקען־גאַנג פון דעם ליבעראַלן עקאָנאָמיסט דזשיי. מ. קיינעס. דער שטאָט־רעדאַקטאָר פון „דעילי העראָלד“ הירזשעט פאַר פרייד דערפאַר וואָס דער פאָרזיצער פון איינע פון „ביג פייוו“ באַנקען הייסט גוט די פּאָליסי און אַזוי ווייטער. **) אָט די געדאַנקען האָבן איין ציל: צו זען אַז דער קאַפּיטאַליזם זאָל זיך רעאָרגאַניזירן, צו שטאַרקן דעם פינאַנץ קאַפּיטאַל, ניט ווי דער מאַרקסיסטישער אַנאַליז, וואָס ווייזט אָן דעם איינציקן וועג פאַר דער אָפּשאַפונג פונם קאַפּיטאַליזם.

*) „אַ טיפער סטודענט פון דער בריטישער פּאָליטיק האָט אויסגעדריקט אין אַ זאַץ דעם דיאַגנאָז פון אירע שוועריקייטן. זיי שטאַמען, שרייבט ער, פון דער אומפּיואיקייט פון אירע הערשער צו פאַרשטיין, אַז דער 19טער יאָרהונדערט איז שוין פאַראיבער, און פון זייער פאָלגלעכער אומפּיואיקייט איינצופירן ענדערונגען, וועלכע דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט פאָדערט. און ס'איז די מיסיע פון דער לייבאָר פּאַרטיי צו זען קאָנטראָלירן און זיין די איניציאַטאָרן פון אָט דעם איבערגאַנג.“ („לעיבאָר ענד נעישאָן“, די וואַל פּראָגראַם פון דער לעיבאָר פּאַרטיי אין 1929.)

ס'איז ניט דער קאַפּיטאַליזם וואָס איז שולדיק נאָר דאָס וואָס דער קאַפּיטאַליזם איז אומפּיואיק זיך צו רעאָרגאַניזירן.

הערבערט מאָריסאָן אין זיין סאָציאַליזאַציע פון טראַנספּאָרט גיט דעם טעאָרעטישן באַזיס פאַר אָט דער פּאָליסי און די פּראַקטישע זייט פון דעם געפינט זיך אין דעם פאָרשלאַג, אַז לאָרד אשפיעלד, דער הויפּט פון דער טרעפיק קאָמביין, זאָל ווערן דער הויפּט פון דער לאָנדאָנער טראַנספּאָרט באָארד, פאַשטייט זיך מיט זייער גרויסע שכירות. דער עיקר פון די פאָרשלאָגן פון די דאָזיקע „פּאָלקס־קאָרפּאָראַציעס“ אין דער פּראַקטיק, איז אַז זיי היטן אָפּ דעם רענטאַרס פּראָצענט אין אַ צייט פון אַ קריזיס, ווען פּראָפיטן ווערן שטאַרק רעדוצירט.

**) דער סטודענט קען געפינען די געדאַנקען, וועלכע זיינען דאָ סומירט געוואָרן אין די „פּאָליסי רעפּאָרטס“ צו דער לייבאָר פּאַרטיי.